STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03520

RINGEN UN KEYTN

S. Palme

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ריינגעז און קייטן

לידער

און

פּאָעמען

ס. פּאלמע

יעדער שטאַפּל האָט זיין הויכקייט אַ באַשטימטע.
יעדער קלעטער שאַפֿט לעגענדע אַ גערימטע.
אין דער פֿינצטער ווערט געשאַצט דער ווערט פֿון שטערן, —
איך אַ שטערן האָט אַ טבע פֿון ניט ווערן.

פֿון דעם זעלבן מחבר:
„חלום־לאַנד".
„רויטע רויזן".
„קינדער פֿון שטורעם".
„צווישן פֿיער ווענט".
„פֿאַרוויסטע ערד".

פֿון ווייט —
מיין בוך „רינגען און קייטן".
מיין ניי־געפֿונענעם חבר דוב׳ן

דיכטער פּאַלמע
און זיין «פּאַרוויסטע ערד»*)

(לעצטער בוך דערשינען אין לאָנדאָן אין 1943)

אָפּהאַנדלונג — פֿון **יוסף הלל לעווי**

דער דיכטער ס. פּ אַ ל מ ע איז ניט קיין וויזיאָנער, אפילו זיינע אימאַגינאַציעס באַזירן זיך אויך אויף רעאַליזם, ווייל ער באַלאַנגט צו דער שיטה וועלכע איז פֿאַרבונדן מיט דער אומפֿאַרמיידלעכער ווירקלעכקייט.

זיינע בילדער, עמאָציעס און איבערלעבונגען זענען אָנגעווייטיקטע שטיקער נאַקעט לעבן, איך וואָלט געזאָגט: בלוטיקע קאָראַלן אויפֿגעצויגן אויף סטרונעס פֿון צעפֿיבערטע נערוון. פּאַלמע פֿאַרמאָגט אַ זער סענסיטיווע נאַטור, זיין סענסיביליטעט האָט ער צו פֿאַרדאַנקען זיין תמידער רעזערווירט־קייט און צוריקגעהאַלטנקייט.

אין זיין ניי־דערשינענעם בוך „פֿ אַ ר וו י ס ט ע ע ר ד", וואָס באַשטייט פֿון זעקס לידער־ציקלען, דריקט זיך אַמבולטסטן אויס דעם דיכטערס וועזן און זיין גאַנצע אידעאָלאָגיע. פּ אַ ל מ ע איז אָן ספק אַ קאָמפּליצירטע און טיפֿערע נאַטור. עס קעמפֿן אין איר פֿאַרשיידענע עקסטרעמען — סיי פֿון קינסטלערישער געשטאַלטונג, סיי פֿון אינדיווידואַליסטישע נייגונגען . . . אין זיין דיכטונג וויברירן דאָס רוב אָפּגעהאַקטע אַקאָרדן פֿון עגאָצענטריזם. זיינע טעמעס וועבט ער אויף אַ סאָציאַלער קאַנווע, וואָס זייער הינטערגרונט איז: קאַמף, צאָרן, טיפֿער רוף נאָך יושר, ניט צוריקשרעקן פֿאַרן אומקום, און אַ גליענדיקער בטחון אין אַ גליקלעכן פֿרייען עתיד . . .

זיין ווערזיפֿיקאַציע איז תמיד צונויפֿגעגאָסן מיט זיינע אידייען, עמאָציעס און בילדער, וועלכע זענען אָפֿט באַפֿליגלט מיט אַ זילבערנעם הויך פֿון סימ־באָליזם. זיין ריטמיק און גראַם זענען האַרמאָניש מיט זיין שילדערונג: אָפֿט ברייט צעצויגן, אָפֿט קורץ און אָפּגעקאַקט, אַזוי ווי דער טעמפּאָ פֿון דער טראַגישער צייט . . .

---

*) איך דרוק איבער דעם דיכטער יוסף הלל לעווים אַרטיקל (וואָס איז דערשינען אין דער „פֿרייער אַרבעטער שטימע" אין ניו־יאָרק און אין דער לאָנדאָנער „די צייט"), ווייל איך האַלט אַז ס'איז דעם דיכטער געלונגען צו געבן אַ כאַראַקטעריזירונג איבער מיין פּערזאָן ווי איבער מיין בוך וועגן וועלכן ער שרייבט. — מ ח ב ר.

זיינע איבערלעבונגען פרעסט ער ניט אין/אלטע פאָרמען אריין, נאָר ער געשטאַלטיקט פון זיי נייע פאָרמען ארויס. פ א ל מ ע ס וועזן איז פאַרקניפּט מיט דער מאַסע, הגם זיינע נייגונגען זענען אינדיווידואַליסטישע. זיין לעבן גייט פּאַראַלעל מיט זיין דיכטונג — איינזאַם, קאָמפּליצירט, פאַרבענקט נאָך אַ געזעלשאַפט ווען ער געפינט זיך ביחידות, און פאַרבענקט נאָך יחידות ווען ער געפינט זיך אין געזעלשאַפט. זיינע פאָלקס־מאָטיוון זוכט ער צו געשטאַל־טיקן אין דער פאָרם נאַציאָנאַל, און אין אינהאַלט סאָציאַל, לויט דער מאָדערנער ריכטונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

פ א ל מ ע איז אויך אַ גרויסער אורבאַניסט. דאָס זעט זיך בולט אַרויס פון זיין פּראַכטפול ליד „ל אָ נ ד אָ ן, אָ, ל אָ נ ד אָ ן", וואו ער פאַרשטייט מייסטערהאַפט צו שילדערן דאָס עלדאָראַדאָ פון באַזיץ און עלנט, פון גליק און אומגליק, פון שטורעם און רו, פון אויפגאַנג און אונטערגאַנג, וואָס וואַקסט זיך אויס צו אַן אמתן געזאַנג פון דיכטערישער אינספּיראַציע.

אַזוי, למשל, גיסן זיך די פיינע אַקאָרדן פון אָט דעם פּרעכטיקן ליד: באַלד שטאָל, גראַניט, אויפברויזנדיק ווי אַ צערייצטער לייב, און באַלד אויך ווידער ליריש, ווייך, ווי די פאַרלעצטע הילפלאָזיקייט פון אַ שטילן לאַם:

לאָנדאָן, אָ, לאָנדאָן!
וועלט־מעטראָפּאָליס,
שטאָט פון שטאָל, אייזן און גראַניט, —
גאַסן רוישיקע, ווי שלאַנגען אויסגעצויגן,
אין גאַסן קויטיקע צווישן מויערן פאַרפּלאָנטערט,
וואַנדערן סילועטן וואָס דיין עלנט האָט געבוירן,
אויסגעמישטע צווישן מענטשן, פערד און רעוועדע מאַשין.

ווי אַ ניט געקערטער קוימען אַ פאַרגעסענער,
אַ פאַרלאָזענער,
בלאָזט דו שטיקנדיקן רויך,
און פאַרגולמט האַלטסטו אין איין גענעצן אין דער הוילער וועלט אַריין,
מיט דער פוילקייט פון אַ מויד אַ פאַרזעסענע, מיט גרויסן נדן,
קאָקעטירנדיק מיט דיין אומעט דעם פאַרשלייערטן,
וואַרטנדיק אויף אַ גליק . . .

דאָס ביסטו, לאָנדאָן, אָ, לאָנדאָן!
שטאָט מיט קינדער שפּילעוודיקע צווישן גראָזן, בוים און בלום
און קינדער אַנדערע צווישן שטיינער, רויך און שטויב;
שטאָט מיט צעשטיפטע, שפּילעוודיקע געמיטער:
מיט ווײַן, ווייב און ליד . . .
שטאָט פון האַלב־פאַרגעסענע, ביי דער טעמזע די פאַרשלאָפענע,
און אין יעדן שאָטנדיקן אָרט פון דיין ברייטער האַרץ.

שטאָט פון עלנט און דראַנג, צווישן איבערפלוס און זעט!
אויף ברייט־ברוסטיקייט פון דיין גיגאַנטישן פאַרנעם

טרעמפּ איך, אַן אויסגעחלומטער מיט ליד און ליבע אין מיין הארץ,
אין די גאַסן, סקווערן, — יעדע נאַכט, ווי יעדן טאָג,
מיד און אַליין,
כאָטש מיליאָנען רינגלען מיך אַרום און אַרום . . .

(דאָס זענען נאָר איינצלנע סטראָפן פון דעם גרויסן ליד). אַזוי איז דאָס גאַנצע ליד פּלאַסטיש קאָנסטרואירט און שימערט מיט אַן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט און אייגנאַרטיקן ריטם, וועלכער לאָזט איבער אַ טיפן איינדרוק נאָך זיך.

אַז מיר פאַרמאַכן פּאַלמעס בוך, באַקומען מיר דעם געפיל אַזוי ווי מיר וואָלטן דערהערט אַ בת־קול פון דעם דיכטערס „פאַרוויסטע ערד" צו אונדז ליאַרעמען: די פרייע, אומבאַגרענעצטע, ליכטיקע ווייטע און ברייטע ערד, וואָס קען דאָס פון זיך אַרויסגעבן, און אויך גלייכצייטיק דאָס בעסטע אין זיך פאַרהאַלטן; אָט די געטרייע מאַמע־ערד, וואָס טראָגט אין זיך די גרעסטע אוצרות: פון מעטאַלן, מינעראַלן, שפּראָצונגען און שטאָפן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן צו ברענגען פאַר דעם מענטשן געזונט, היילונג, פריידן און לעבן, — די דאָזיקע ערד האָט דער העכסטער פון אַלע ברואים, דער מענטש, אָפּגעגרענעצט מיט צוימען פון „מיין" און „דיין", זי אויפגעריסן, געשענדט און פאַרוויסט, צונויפגעזאַמלט איר שפע, אָבער ניט דעם מענטשן צו זעטיקן, געזונט, היילונג, פריידן אין לעבן צו ברענגען, — נייערט מיט אומגליק, פּיין, טרערן, פאַרצווייפלונג, פאַרוויסטונג און טויט אַלץ צו צעשטערן . . .

ס. פּאַלמעס לידער זענען די סימפאָניע, דער אויסגעשריי פון דער פאַרוויסטער און נאַציאָנאַליזירטער ערד, וואָס רייסן זיך צום אינטערנאַציאָנאַלן הימל . . . אין זייערע אַקאָרדן קלינגט דער צער, פּראָטעסט, משפּט, רעוואָלט און דער אומבאַזיגבאַרער, אומצעברעכלעכער גלויבן אין אַ נייער, פרייער, ליכטיקער מענטשלעכער צוקונפט, וואָס וועט קומען פאַר אַלע געקוועלטע, געפייניקטע און דערנידעריקטע מענטשן־קינדער.

עס געפינען זיך אין פּאַלמעס בוך אייניקע אומפּערפעקטע לידער, אָבער די מייסטע זענען, אַ דאַנק זיין דיכטערישן כוח און שטאַרקער עמאָציע, דעם דיכטער גופא אַריבערגעשטיגן. די דאָזיקע לידער וועלן פאַרבלייבן ווי צום הימל זיך שפּאַרנדיקע פּיראַמידן, אויף דעם בלוטיקן קבר פון אונדזער מאָוימדיקער צייט . . .

ערגעץ אין ענגלאַנד, יוני, 1943.

מיין פאלק — מיין פארטיי

פערפעטואל איז דער וואנדער־גאנג פון מיין פארטיי,
אט די פאלקס־מענטשן, זיי: —
די שוסטערס, די שניידערס, דער שמיד
און סתם דער ייד
מיט „מאזאליעס" אויף די הענט און גאט אין הארץ . . .
אט די מידע, שטענדיק איינגעריסט אין שווארץ.

דער אפצייכנונג און פראגראם פון מיין פארטיי,
אט די וואזשנע צוויי,
ליגט אין ריטם־גאנג פון הארץ און מוח, —
ס'איז דער גלויבן דער באראמעטער, וואס מעסט זיין כוח . . .

גייט מיין פאלק גוט, איז מיין הימל ווייס און בלוי.
גייט מיין פאלק שלעכט, איז מיין הימל שווארץ און גרוי.
גייט עס חלילה ערגער, ווערט מיין הימל רויטער נאך ווי רויט:
טויט
קריגט דעמאלט שליטה
ז'מעג עס זיין דאס יאר פון שמיטה,
נעמט ער מעשר דאך
נאך און נאך
וויפיל אים גליסט, —
ער באשטימט די צאל. ער באשליסט . . .

איך בין די אומרו פון צייט, צארן און צער.
כ'וויל ניט זיין שקלאף, כ'וויל אויך ניט זיין האר;
איך בין א מענטש מיט בלוט, פלייש און ביין,
וויל איך ניט געבויגן גיין
מיט א זעקל אויפן פלייצע!
וויל איך ניט בעטלען מער — א פריינטלעך ווארט, אן עצה
וואוהין און צו וועמען איך זאל גיין —
ניין, ברודער, ניין! —
שריי איך און עס שרייט מיין פארטיי;
צו זיי געהער איך, אט צו זיי:
די שוסטערס, די שניידערס, דעם שמיד
און סתם דעם איד
מיט מיין גאנצן געביין:
מיט זיי איז מיין געלעכטער און מיט זיי איז מיין געוויין.

לאנדאן, יוני, 1946.

רינגען און קייטן

מענטש האָט זיך פֿון אונטער פֿאַרהאַנגען אַרויסגעקליבן.
יעדן שאָטן פֿון ווינקעלעך אַרויסגעטריבן
און אין שפּיגל אַלס מענטש זיך דערקענט.
ער האָט אָפּגעוואַשן זיינע הענט,
גערייניקט זיך פֿון יעדן שטויב אויפֿן לייב, —
ער האָט זיין אייגן קינד און ווייב
ווי אַן ערשטן מאָל דערזען:
אַלץ וואָס ס׳איז פֿאַרלאָפֿן און געשען,
איז פֿון זכרון אַרויסגעריסן געוואָרן;
האָט ער דאָך געשוואָרן:
„אויג פֿאַר אַן אויג, און בלוט פֿאַר בלוט... !"
איז אַלץ שוין פֿאַרגעסן, דער קריגער רוט...

אויף די קברים פֿרישע פֿלאַנצט מען בלומען.
אויך גראָזן און דערנער וועלן וואַקסן, אפילו אָן זאָמען
און אַלץ וועט פֿאַרגעסן ווערן
ווי די שטערן
פֿון נעכטן,
ווי וואונדן וואָס קייטן שאַפֿן ביים פֿאַרקנעכטן,
ווען ער ווערט פֿלוצים פֿריי, —
כאָטש גיי נעם און שריי
אַז די גאַנצע וועלט זאָל עס הערן:
אַ ליגן! מיר זענען ניט ווי זאַמד און שטערן!...
דאָך געבליבן „אויסדערוויילטע"
פֿאַר די גאַז־אויוונס אויסגעטיילטע!

מיר ווילן ניט און וועלן ניט, ווי פּחדנים קושן בייטשן!
ווער זענען די דערלייזער, ווער זענען די דייטשן?!
וואָס הייסט אַזוינס קליין זיין, וואָס איז אַזוינס גרויס?
וואו הויבט זיך אָן דער גיהנום, וואו לאָזט ער זיך אויס?!

ס׳האָט מענטש זיין חרטה־ליד אָפּגעזונגען.
ס׳האָבן שוין די גלאָקן געקלונגען.

טרומפייטן האָבן אויסטרומפייטעט — שלום !
ענטפערט מיר, איז עס אַלץ ניט אַ חלום ? —
פאַרוואָס נאָך נקמה־בליקן פון מיין שכן ?
מעג איך האָבן נאָך בטחון,
אַז סע וועט אַ נס געשען ?
אַז דער וואָס לעבט אייביק, וועט דעם צער דערזען
פון די „אויסדערוויילטע" ?
אָט די אויסגעטיילטע
און וועט גוזר זיין אָפּצושאַפן גזירות ?
וועט ער טאַדלען און באַשטראָפן פאַר עבירות,
דעם אכזר פאַר אכזריות ?
וועט ער אויסלייזן פון מדבריות
די פאַרוואָגלטע
די באַהאָגלטע
מיט זלזולים און מיט שטיינער ? —
ער איז דאָך איינער !
ער אַליין און ווייטער קיינער !

ווער־זשע זענען די געווינער און פאַרלירער ?
ווער זענען די געפירטע און די פירער ?
ווער, אָ, ווער, וועט אונדזער חוב דעקן ווען אַלץ ווערט באַנקראָט ?
ווער האָט אונדז פאַרשאַכערט, ווער האָט
אונדזערע בריקן צעשטערט ?
ווער מעג עס מבטל זיין אַ וואָגלערס ווערט,
ווען מען געצעלטן אַ גזלן האָט פאַרוויסט,
ווען מען גרויסקייט און עשירות עס וואַלגערט זיך אין מיסט ?

אמת, מיר האָבן רינגען פאַרלוירן פון אונדזער קייט.
מיר ציילן די קדושים, מיר לעקן וואונדן שטילערהייט.
מיר רייסן קריעה, מיר זאָגן קדיש אינאיינעם.
מיר זיצן שבעה און קיין טרייסט־וואָרט פון קיינעם.
מיר זאָגן יזכור, מיר גיסן טרערן . . . —
נאָר גענוג, דאָס זאָל אויפהערן !
ס'מוז אויפהערן, יידן !
זאָלן הערצער שטאַרקע מיט עקשנות ווידער שמידן
שפּאָגל־נייע רינגען !
נישקשה, מיר האָבן שמידער, מיר האָבן יינגען ! . . .

עס זאָל ניט מער אַן איכה־ניגון
אונדזער יוגנט פאַרוויגן !

זאָלן הערצער אייזערנע אויך אין שלום דינען
מיט אַ זינען!
זאָלן דורות נייע אונדז ניט טאַדלען פֿאַר בלויזע לויות!
אחריות איז דער לאָזונג פֿאַרן מאָרגן! —
מיר קענען מער הבטחות ניט גלויבן און גליק אויסבאָרגן!

יאָ, מיר זענען נאָך מיט עשירות פֿאַרבליבן,
כאָטש אין ביכער ניט איינגעשריבן,
מיט גאָלד, בריליאַנטן און מעטאַל: —
מיר האָבן הערצער דאָך ווי פּאַנצערס, איבעראַל!

י ז כ ו ר

מיט ליכט אָנגעצונדענע אין הארצן
און מיט קעפּ געבויגענע אין שווארצן,
אָן שלוכצן און אָן קלאָגן,
וועלן מיר יזכור זאָגן: —
י ז כ ו ר ! . . .

ס'וועט דער יזכור זיין אַ מאָנומענט
צו קדושים צווישן געטאָ־ווענט,
צו קינד און קייט,
צו מאַרטירער אויסגעגאַנגענע שטילערהייט —
י ז כ ו ר ! . . .

יזכור פֿאַר דעם יוגנטלעכן קוים נײַנצן־יאָר־אַלט, —
איר זעט אים דאָרטן וויגן זיך, עס דאַכט זיך ער פֿאַלט;
איר הערט זיין סאַרדאָנישן געלעכטער? —
ס'לאַכט דער יוגנטלעכער פֿון די וועכטער:
— העי, איר וועט זיך היינט אָפּנאַרן,
בלאָנדע האַרן,
איך האָב דאָך נאָר איין לונג, —
ווייז איך אייך אַ צונג!

— — — — — — — — — — — — —

סע גייט דער יוגנטלעכער צו דעם גאַז־קאַמער אַצינד,
פֿון קיינעם ניט באַוויינטער נאָר פֿון ווינט . . .
י ז כ ו ר ! . . .

יזכור וועלן מיר זאָגן פֿאַר דער מאַמען מיט אַ קינד אין איר גוף:
איר הערט איר רוף?
— גאָט, אַלמעכטיקער, מיין קינד ?!
ווי זאָל אַ מאַמע שיצן עס אצינד ?!
דו האָסט דאָך עס באַשאַפֿן, שאַפֿעס אויך אָפּ !
עפֿן אויף די מאַמע־ערד, זאָל זי געבן אונדז איר גרוב !
און ווען ווײַל שווייגן דאָך, דערלויבן דעם געוואַלד,
וועלן אייגענע פֿויסטן באַלד
דאָס נפש'ל איינשטילן,
מיט מיין ווילן ! . . .
וואָס־זשע שווייגסטו דאָרט מיין גאָט ?!
ווי זאָל איך איצט אויסטייטשן „לא תרצח", דיין געבאָט ?!
יזכור ! . . .

יזכור דעם זקן, וואָס טענהט זיך אויס
מיטן בורא־העולם, זיין אומגליק איז גרויס:
אַ זון מיט צוויי טעכטער, זיי לעבן ניט מער;
די ערשטע אין דער ריי, איז געווען דער באַגער:
— „אָ, ענטפֿער מיר בורא און זאָג עס מיר צו,
אויב שטאַרבן איך מוז שוין, דאַן גיב מיר מיין רו:
פֿאַרוואָס זאָל איך לעצטער פֿון אַלעמען זיין,
מיט יעדן זיך געזעגענען, מיט אַלץ וואָס ס'איז מיין ?
יזכור ! . . .

— — — — — — — — — — — — — —

און פּלוצים אין וויטן אַ רוף אין דער לופֿט,
אַ שטימע דערטראָגט זיך, אַ שטימע וואָס רופֿט:
— מיר וועלן ניט אויסשטאַרבן ווי הינט אויף אַ קייט,
שטילערהייט ! . . .
פֿאַר פֿרייהייט און ברויט
און אין קעמפֿן דעם טויט !
יזכור ! . . .

אַזוי האָבן שקלאַפֿן דערהויבן די פֿאָן;
עס האָבן אויך העקער געהאַט וואָס אין קאָן ! . . .

יונגע, אַלטע, אַ מאַמע, אַ קינד, —
זיי זענען קיין שקלאַפֿן אַצינד !
אַזוי האָט באַשטעטיקט דער ווינט:
זיי האָבן פֿון שטייגן אַ פֿעסטונג געבויט;

עס האָבן די הענקער געצאָלט מיט דער הויט:
פויסטן, העמער, שטאַנג און מיט שטיין
און אַז דאָס איז ניט גענוג געווען,
איז אויך נעגל און ציין!
יזכור!...

יזכור וועלן מיר זאָגן פאַר מאַרטירער,
העלדן, קדושים, — אַ יעדער זיין פירער!
ניט פאַרבליבן ז'דער — „וואוהין" . . . ?!
נאָר מיט פלייש און ביין קעגן שטאָל און מאַשין,
דעם גרעסטן פרייז פאַר דעם קלענסטן טראָפּן בלוט:
אויסגעוואַקסן זיין גיגאַנטן אינטער רוט!
יזכור!...

יזכור דעם רבין און תלמידים אין גיהנום־פלאַם,
באַריקאַדן אויפגעשטעלטע, צאַם נאָך צאַם: —
אַט פאַלט דער ערשטער, קומט אַ צווייטער אויף זיין אָרט,
נאָך דעם צווייטן קומען אַנדערע פון דאָ און דאָרט!

אַ געשיכטע מיט בלוט און טרערן האָבן קדושים פאַרשריבן.
יעדן פחד פאַרן שטאַרבן אָפּגעטריבן,
ביז דער לעצטער זקן אין אַ טלית איינגעהילטער,
אַ פאַרשפּילטער,
איז געפאַלן אויף קידוש השם דורך זיין אייגענער האַנט,
ביי דער געטאָ־וואַנט —
יזכור!...

ס'איז די ערשטע שלאַכט פון מאַרטירער פאַרביי;
פון קדושים די בלוטן — איז עס אַלץ געווען כדאַי?
... ...

יזכור וועלן זאָגן אייערע ברידער נאָך אייך;
ניט טרוקן וועט ווערן פון טרערן דער טייך;
מיר וועלן געדענקען פון הענקער די הענט!
מיר וועלן געדענקען פון געטאָס די ווענט! —
יזכור!...

לאָנדאָן, 1946.

כ׳בין א זון פון מיין פאלק

כ׳בין אַ זון פֿון מיין פֿאָלק, — אַ סאָלדאַט:
איינער רופֿט מיך העלד פֿאַר מיין טאַט,
אַ צווייטער רופֿט מיך בעטלער און נאַר,
ביים דריטן בין איך שופט און האַר;
ווייס איך ניט פֿאַרוואָס עס איז אַזוי —
אוי,
ווען איך וואָלט עס נאָר געוואוסט:
האָב איך דען צום לעבן, מער ווי אַנדערע אַ לוסט?

עס טריפֿט מיין בלוט ווען מיין האַרץ פֿאַרקלעמט,
ווען מען נעמט
פֿון מיר מיין רעכט,
ווען אַן אייגענער רופֿט מיך — קנעכט!
ווען אַלץ וואָס איז מיין, ווערט פֿאַרלייקענט און פֿאַרשוועכט.
מיין איינציקער באַגער,
איך שווער,
איז צו זיין אַ מענטש ווי דער און דער
און ניט מער.

כ׳בין אַ זון פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז יעדן לאַנד געטריי,
וואָס גלויבט, אַז שטאַרבן פֿאַר אַ לאַנד איז כדאי! . . .
כ׳בין אַ זון פֿון אַ פֿאָלק, וואָס פֿאַר יעדנס פֿאָן
שטעלט דעם לעבן טויזנט מאָל אין קאָן
און דערפֿאַר — מעדאַלן פֿאַר העלדן־טאַט —
כ׳בין אַ יידישער סאָלדאַט!

זאָל מען זאָגן מיר אינדערמיט פֿון געלויף:
ביי וועמען וועט מיין פֿאָלק איינמאָנען אַ חוב
פֿאַר דעם בלוט?!
פֿאַר דעם לאָזן אונדז אויפֿן טייוולס באַרוט?
וואָס וועט זיין מיין לוין פֿאַר מיין פֿוס און האַנט?
פֿאַר אכזריותן הינטער געטאָ־וואַנט?!

נו, זאָגט עס מיר, מיינע הערן,
ס׳זאָל אייער שטאַמלען איצט אויפֿהערן:
אויף וועלכן שטיקל באָדן וועל איך, דער „כוואַט",
געפֿינען אונדזער אייגענעם „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט"?

ווער וועט אונדזערע קדושים אויף אַלע קאָנטינענטן,
שטעלן מאָנומענטן,
אַלס גערעכעניש פֿאַר אונדזער חלק בלוט ?
פֿאַר אונדזערע וואונדן פֿון קנוט און רוט ?
פֿאַר אונדזערע מאַמעס און זויגלינגען, קינד און קייט ?
פֿאַר דעם שענדן אונדזערע טעכטער, אפילו ניט שטילערהייט ?

אויף וועלכע באַצירטע וועגן
און שטעגן
וועלן מיינע ברידער נאָכן זיג מיט טרומפּייטן גיין ?
וועט שטיין אויף שטיין
אונדז ניט דערקענען מיטן זידל־וואָרט :
— ייִד, דיין פּאַספּאָרט ? !

איך בין אַ זון פֿון אַ פֿאָלק מיט אַן אויפֿגעריסן האַרץ,
וואָס שטייט אין אבלות איינגעהילט אין שוואַרץ,
וואָס טראָגט אין שלאַכטן יעדנס פֿאָן
און וואָס מאָנט איצינד ביי די הערן אויבנאָן
אַ חשבון, פֿון אַ שטייענדיקן חוב ! . . .

ר׳ סנדר

— געווידמעט מיינע טייערע פֿריינט
דעם דיכטער שמואל וואהיי ט
און זיין ליבע פֿרוי, אסתר.
לאָנדאָן, 1944.

איך, ר׳ סנדר, שלמה־יענקעלעס פֿון פוילן,
פֿונעם אָפּגעמעקטן ישוב דעם הוילן,
איך אַליין האָב פֿאַרברענט מיין שטוב,
איך אַליין האָב געמאַכט אַ גרוב :
פֿאַר מיר, פֿאַר ווייב און קינד, —
לאָז איך הערן איצינד
מיין באַשולדיקונגס־וואָרט,
וואָס זאָל טראָגן זיך פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון אָרט צו אָרט :
אַז מיר, די ר׳ סנדרס פֿון פוילן,
פֿונעם אָפּגעמעקטן ישוב דעם הוילן,
פֿון די קברים רופֿן מיר האַלב־פֿאַרשאָטענע
און פֿון פֿייערדיקע רואינען אָפּגעזאָטענע,



From a Painting by S. Palme. *Reb Sander.*

דעם וועלטס־געוויסן צום יום־הדין,
אפצוגעבן דין וחשבון פונעם ציל און זין:
צו פארלאזן אונדז פארהונגערטע, פארדארטע,
אויסצושעכטן אונדז ווי די חיות איינגעשפארטע
אינמיטען העלן טאג אויף דער גאס,
פאר בלויזן לוסט און פאר שפאס!

טו איך איצט, ר׳ סנדר, שלמה־יענקעלעס פון פוילן,
פונעם אפגעמעקטן ישוב דעם הוילן,
טייטלען מיטן פינגער אויף מענטש און וועלט:
וויפל נאך האב און גוטס, גאלד און געלט,
נאר לאזט פארבליבענע אין רו —
איר זייט עס שולדיקע, אויך דו און דו!
איר שווייגט ווען אין לופטן הענגט די שווערד,
ווען יללות פאר רחמים, ווערט פון קיינעם ניט געהערט;
ווען מאמע־ערד איז די איינציקע שטילע טרייסט
און ווייטער וואס ס׳וועט זיין קיינער ווייסט . . .

וועל איך, ר׳ סנדר, שלמה־יענקעלעס פון פוילן,
פונעם אפגעמעקטן ישוב דעם הוילן,
מיט אויגן אויסגעברענטע מיט א גליענדיקן דראט,
מיט א לייב א צעריסנס פון קנוט
און רוט,
מאנען איצט פאר די לעבעדיקע רעכט:
ניט קיין קנעכט זענען זיי, ניט קיין קנעכט!
ניט צעשטערט זיי, די אוצרות פארבליבענע!
ניט צעשטערט זייערע ווערטן, ווי די פערל אויפגעקליבענע!
דרך־ארץ מאנט זייער ווערט!
האלט איין, האלט איין די שווערט!
האלט איין, ס׳זאל ניט איבערגיסן פון בלוט דער ים!
פרייהייט! — קיין ווענט! קייטן און צאם! —
אנדערש זאל הימל מיט ערד זיך באהעפטן!
זאל מענטשלעכע חיה אין א לעצטע שלאכט זיך אויסשעכטן
און צום לעצט פון בראשית, זאל די וועלט זיך אנהויבן —
וואס איז לעבן, ווען פארלוירן גייט דער גלויבן?
וועלכע ווערטן האבן בלומען,
צעאקערטע פעלדער און זאמען,
ווען דורכגעווייקט איז אלץ מיט טרערן און בלוט?
ווען לייב און לעבן איז געלאזן צו דער קנוט?

ווען מענטשנס האַרץ
ווערט שוואַרץ
ווי דער טויט ! ;
ווען ברויט,
צו שטילן דעם הונגער, ווערט לעגענדע ?
ווען מיט פרייד באַגעגנט מען די ענדע ? !
ווען אין מענטשנס יעדן וואָרט און טאַט,
ליגט פאַרבאָרגן דער פאַראַט ? !

וועל איך, ר׳ סנדר, שלמה־יענקעלעס פון פּוילן,
פונעם אָפּגעמעקטן ישוב דעם הוילן,
מיט ווייב און קינד
אַצינד
רופן איצט אַלס עדות — הימל, ערד און ווינט,
צו באַשטעטיקן מיין יעדן וואָרט,
וואָס זאָל טראָגן זיך פון לאַנד צו לאַנד, פון אָרט צו אָרט : —
ס׳האָט דער וועלטס־געוויסן אַ חלק אינעם מאָרד ! !

.1943

די גאַנץ - געבליבענע

אַ ווידמונג —
מיין ליבן „אומבאַקאַנטן" פריינט . . . .

אויב מאַמע־ערד איז ערטערווייז פון טרערן טרוקן,
אויב עס איז אַ מענטש פאַרבליבן מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן
און מיט האַרץ און מוח,
מיט געזונטע מוסקלען און מיט כוח
און מיט ליבע אין האַרצן פאַר זיין גאָט און לאַנד,
זאָל ער פונעם העכסטן שפּיץ דאַך אויסרופן : — שאַנד !
שאַנד צו די, וואָס זענען זאַט !
שאַנד צו די, אין וועמענס וואָרט און טאַט
ליגט די קללה און כלי־זיין פון באַדריקער,
וועמעס עיקר
ס׳איז צו הערשן און גענאַרן, —
ווי עס טוען עס שיינע האַרן, שיינע האַרן . . .

זאָלן די גאַנץ־אויסגעבליבענע,
די אין ביכער מיט אַלע רעכטן איינגעשריבענע,

מנצח זיין דעם גולם אין צילינדער־הוט,
ווֶעמעס האַנט־שוֹס און קנוט
גייען האַנט אין האַנט אויף אַלע שלענגלדיקע וועגן
און שטעגן,
אפילו דאָרטן וואו ס׳זענען קאַמפּס־פּעלדער געווען,
וואו ס׳איז קוים צו זען:
סמנים פון אונטערגעגאַנגענע וועלטן,
פון הייליקייטן און גאָטס געצעלטן;
זאָלן די גאַנץ־געבליבענע, וואו אַזעלכע זיין פאַראַן,
אויף יעדן טריט און שפּאַן,
מיט די קנאַפּל אין ערד זיך איינגראָבן
און מיט עקשנות טרייבן ראָבן,
וועלכע וואַרטן אויף קרבנות
אָן רחמנות. אָן רחמנות.

זאָלן די גאַנץ־אויסגעבליבענע,
די אין ביכער מיט אַלע רעכטן איינגעשריבענע,
מאָנען יושר ביי די הערן,
אויף זיי טייטלען און טאַדלען פאַר די טרערן,
פאַר באַצווינגען מידע וואַנדערער נאָכן זיג,
פאַר דאָס שטערן צו געפינען אַ קליין ביסעלע גליק
און רו.
מעג עס זיין אפילו דאָרטן, מעג עס אויך זיין דאָ . . .

ניין, —
ניט פאַרשלאָפן! ניט פאַרשלאָפן!
זאָלן שופרות רופן, רופן
און וועקן קינד און קייט,
ניט מער צו באַהאַלטן זיך ווי שטיף־קינדער, שטילערהייט,
און מיט פאָנען אייגענע אויף דער גאַס אַרויס:
ווי גלייכע שותפים איינצומאָנען: ברויט, אַ שיך, אַ קלייד —
נאָר ניט ליידן שטילערהייט,
שטילערהייט . . .
און אַ שטיקעלע באָדן דעם קאָפּ אַוועקצולעגן;
נישקשה, גערטנער און געפלאַסטערטע ברייטע וועגן
וועלן שוין שפּעטער אונטערקומען,
אפילו בלומען,
פרייע לופט און שוואַרצע פעטע ערד —
אָן אַ שווערד!
מיט אַ שווערד!

— — — — — — — — — — — — — —

אויב עס איז נאָך ווער פֿאַרבליבן,
וואָס קען לייענען אַלץ וואָס ס'איז אויפֿגעשריבן,
און פֿאַרטייטשן די הייליקע געבאָטן ;
אויב עס איז אַ מענטש פֿאַראַן, וואָס האָט ניט אומזיסט געטראָטן,
און אויב עס איז נאָך ווער פֿאַרבליבן מיט אַ מענטשלעך געשטאַלט,
ווייסט ער כאָטש דעם ווייטיק פֿון דעם וואָס פֿאַלט ? —
זאָל ער זיך פֿון אונטער טויערן אויפֿריגלען,
זאָל ער זיך אין שפּיגל איינשפּיגלען
און זיין אייגענע סטראַשידלע באַגריסן !
זאָל ער חשבונות אָפּציען און ענטפֿערן זיין געוויסן :
וויפֿל חובות ער האָט געמאַכט,
ווען ס'איז געווען פֿינצטער, ווען ס'האָט געהערשט נאַכט . . .
זאָל ער ענטפֿערן וויפֿל טענץ ער האָט געטאַנצט אַ געזונקענער,
אַ באַטרונקענער
מיט אַן אויסגעבאָרגטן גליק, —
פֿאַר אַ זיג, פֿאַר אַן אייגענעם זיג !

זאָל דער גליקלעכער פֿאַר אַלעמען דערקלערן :
וויפֿל טרערן,
וויפֿל אַנגסטן ער האָט געזען און געשוויגן ?
אויף וויפֿל פֿרעמדע לייטערס ער האָט געקלעטערט און געשטיגן ?
צי איז ער כאָטש איין גלות־טריט מיט זיינע ברידער מיטגעגאַנגען
און געפֿילט זייערע בענקשאַפֿטן און פֿאַרלאַנגען ?
וויפֿל אויסגעשטרעקטע הענט ער האָט ליידיקע געלאָזן פֿאַלן ?
צי האָט ער כאָטש איין טראָפּן פֿון זיינע ברידערס גאַלן
געשלונגען ?
און האָט ער געהערט כאָטש איין גוסס זיין ווידוי אויסזונגען
און זיך לייטערן פֿון אַלע שטויבן,
קלאַמערנדיק אין האַנט זיין פֿאָן, דעם סימבאָל פֿון זיין גלויבן ? . . .
צי האָט ער געזען אַ קעמפֿערס פֿאַרגיין ווי אַ בלוט־רויטע זון,
דער, וואָס איז קיינמאָל ניט געזעסן אויבנאָן ? . . .

אויב מאַמע־ערד איז ערטערווייז פֿון קברים ריין,
אויב שטיין אויף שטיין
איז ערגעץ־וואו פֿאַרבליבן,
זאָל אויף זיי מיט ווערטער־פֿלאַמיק אַ שבועה זיין פֿאַרשריבן :
אַז וואָס עס איז געשען, איז מיטן טייוול אין דר'ערד אַריין !
אַז וואָס עס איז געווען, וועט קיינמאָל מער ניט זיין !
קיינמאָל—מער—ניט—זיין !

גולמ׳ס

ס׳ראנגלען זיך גולמ׳ס און ווילן ניט אָפּשטאַרבן ;
זיי זענע געטונקען אין פאַרבן,
פורפור און שוואַרץ, —
ס׳איז שוואַרצער נאָך ווי שוואַרץ
יעדנס האַרץ.

סע ליגן די גולמ׳ס אונטער צאַמען ;
אַרום זיי סמנים פון פלאַמען
אַליין אָנגעצונדן ;
זיי ליגן געקאַרטשעט און לעקן די וואונדן —
ס׳איז שטיל,
ס׳איז נאָך די שפיל . . .

דער וועלטס-געוויסן
מיט געוואַלט-ריסן
קוים פאַרלאַטעטע, פאַרנייטע,
שפרייזט איבער וועלטן אויסגעשפרייטע,
זוכנדיק דעם וועלטס זינען
צו געפינען . . .

ס׳האָט געשיכטע אַלטע ראָלן אויף נייע אומגעביטן :
רייטער, די מיט קאַסעס וואָס האָבן געריטן,
געבראַנדיקט און געשמיסן,
האָבן ס׳אַלטע בלעטל געשיכטע צוריסן,
פראַגמענטן אויף שטויבן צוריבן
און שפאָגל-נייע בלעטלעך פאַרשריבן,
אַזוי־אָ, איבערנאַכט,
ווען געוויסן האָט געדרעמלט און ניט געוואַכט . . .
און דער שטן האָט אויפסניי זיך צולאַכט :
„אָפּגענאַרט זיך,
אויסגעלאַכט זיך,
זיך אַליין א ׳פייג׳ געוויזן ! . . .
אָפּגעפּריידט זיך
אָפּגעדרייט זיך
איינגעשלאָפן זענען ריזן ! . . .״
אַזוי האָט דער שטן געלאַכט
אין דער נאַכט — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

ס'זענען נייע גולם'ס אנגעקומען
אונטער מאסקן און בלומען —
מאסקן !
מאסקן !
טויזנט שווארצע מאסקן איבער נאכט —
וועלטס־געוויסן, פארוואס האסטו ניט געוואכט ? !
פארוואס האסטו טויערן פון דיין מקדש געלאזן אפן ? !
ס'האט דער טייוול דיין וועג פארלאפן
און דיין מקדש צושטערט, —
הער זיך צו, געוויסן :
שפאגל־נייע געוואלט־ריסן,
הערט,
עס שארפט זיך א שווערט ! . . .

ווי אין מדבר די ווילדע שאקאלן,
די וואסווארטן אז א „וואנדרער" זאל פאלן ;
אזוי ווארטן גולם'ס ניי־געבוירענע ווען נאכט פאלט צו,
ווען א מידער וואנדרער וועט זוכן רו . . .

ניין, —
ס'וועט קיין וואנדרער מער ניט גיין
אליין
אין מדבר זוכן גליק ! . . .
און ניט גיין וועט ער צוריק
אן א זיג ! . . .
און ניט בעטלען וועט דער „וואנדרער"
ווי דער „אנדרער"
ביים רייך־טיש ווי א קנעכט ! —
ער מאנט אצינד זיין ירושה מיט א קעמפערס רעכט !
ס'איז פון „וואנדרער" א קעמפער אויסגעוואקסן און שטארק !
און ניט קארג
איז ער אויף זיין בלוט, ווען גורל און כבוד רופט !
ער איז דער וואס טרייסט און דער וואס באשטראפט !
און ניט טאנצן וועט ער מער, פאר די פריצים אויבן —
ער האט זיין אייגענעם „פארוואס", זיין פאן און זיין גלויבן !
ער גלויבט ניט מער אין מיראזשן, וואס א גולם קען באשאפן !

ער יאָגט זיך ניט נאָך ווילד־ווייסע טויבן אינם האָפֿן ! . . .
געננוג !
אַ ווייסע פּלאָג איז דאָס, אַ ווייסע פּלאָג !

ווער זשע זענען די וואָס טאַנצן אויף רואינען ?
ווער זענען זיי, וואָס פֿרייען זיך אָן אַ זינען ?
ווער, אָ ווער זענען די וואָס קענען לאַכן,
ווען אין האַרץ פֿון אַ פֿאָלק לאָזט מען קייזער־שניטן מאַכן ?
— וועלטס־געוויסן, ווייסטו דעם באַדייט ?
עס איז דיין אייגן האַרץ, וואָס דער מעסער שניידט !

און די ערד וועט צום סוף זיך באַוועגן ווי פֿון קראַטן,
ס'וועלן זיך מאַרטירער הויבן מיט אַ שפּאָטן
אַז די גאַנצע וועלט וועט עס הערן —
עס וועט אַזוי באַשערן !
ס'וועט מוזן אַזוי באַשערן ! . . .

איר'ט געלערנט אונדז ווי צו קעמפֿן און האַסן
און שפּאַסן
מיט דעם טויט אין איין געלעכטער !
איר'ט געלערנט אונדז זיין די טויטן־וועכטער —
הערט־זשע אַצינדער,
איר ווינדער איבער ווינדער : —
מיר וועלן דאָס אויסגעלערנטע איבערגעבן קינדער !
מיר געדענקען יעדן בראַנד פֿון דראָט און ריט,
מיט דעם שטאָלץ פֿונעם קעמפֿער און איד !
פֿון דור צו דור וועט עס איבערגיין :
מיט די קאַלטקייט פֿון שטיין,
מיט דער האַרטקייט פֿון שטאָל און גראַניט —
פֿונעם איד !
פֿונעם איד !
ווי אַן איינציקע ירושה פֿאַרבליבן ;
יאָ, אַזוי וועט עס זיין פֿאַרשריבן :
יעדער קאַמף, יעדע טייטלנדיקע האַנט,
אויפֿן לייב
פֿאַר ווילדן צייט־פֿאַרטרייב,
קיינמאָל מער ניט אויסצומעקן —
פֿון הבטחות מער קיין קלעקן !
סע וועלן זיך די טויטע וועקן !
סע וועלן זיך די טויטע וועקן !

סע מאנען די גייסטער

אויסגעפוצטע זאַלן, קולוארן,
„רונדע" טישן, שיינע האַרן,
„לאָרדן", און סער'ן" —
„וואָס וועט ווערן, וואָס וועט ווערן,
אַז סע זאָל אַ דריטן מאָל באַשערן? . . .

טראַכט מען און מען וואָגט, ניט אויסצורעדן;
ס'איז אַ יעדן
קלאָר און דייטלעך,
אַז צייטלעך
איז די שעה . . .
איינער אויפֿ'ן אַנדערן טייטלט — „דו", „דו",
דו ביזט עס דער „דערלעזער",
און דער אַנדערער, אַזאַ שטאָלצער, אַ בעזער,
אָנגעגווידעט מיט רום און שטאָט,
דערפֿילט די בריקן און צאָם
וואָס „דערלעזונג" שאַפֿט צווישן יענעם און אים . . .
אַז די שטאַרקסטע שטים
וועט אַפּלייקענען ניט קענען;
שרייט דער שטן — „דו באַשאַפֿסט זיי און זיי זענען
און זיי בלייבן,
וועסט אַפילו זייערע נעמען אין „גאָלדענע" ביכער אַריינשרייבן . . .
און אַלץ אַרום וועט שווייגן
און די אויסדערוויילטע וועלן שטייגן . . . שטייגן . . .

אויסגעפוצטע זאַלן, קולוארן,
„רונדע" טישן, שיינע האַרן
אויסגעזעצטע איינס נאָך איינס:
מען רעדט פֿון גרויס און קליינס,
מען רעדט און מען רעדט
אַז מען וועט און מען וועט! . . .

און די זאַלן ווערן אָנגעפֿילט מיט גייסטער,
וועלכע ווערן דרייסטער, דרייסטער:
קריגס־העלדן און מאַרטירער,

פֿאַרטעזאַנען, שטאָלצע פֿירער,
טאַטע־מאַמע צוגעשלאָסן מיט רינג און קייט
און זיי שפּרייזן שטילערהייט,
שטילערהייט
און סע שלייכן איינס נאָך איינס:
סילועטן
מיט פֿאָנען און באַגנעטן
און צווישן זיי אַ אידעלע אַ קליינס:
אַ הויקערדיקס,
אַ בוקר׳דיקס,
געבויגן מיט אַ שטעקעלע,
מיט אַ פּעקעלע,
מיט אַ האַלב־געלאָדן זעקעלע
אויפֿן פּלייצע: —
ער איז געקומען נאָך אַן עצה,
נאָך אַן עצה:
„איז וואָס אַז איך בין שוין , פֿריי ׳ ?"
איז עס טאַקע אַלץ געווען כדאַי?
און וואָס וועט טאַקע איצטער זיין,
אַז אַלץ וואָס ס׳איז געוועזן מיין,
טאַקע מיין,
איז נאָך אַלץ ביי יענעם, און ס׳איז אויך דיין
און דיין ! . . .
דערזעלבער דלות איז פֿאַרבליבן,
גאָרניט אויסגעמעקט, אַלץ דאָס אייגענע פֿאַרשריבן . . .
דערזעלבער פּחד פֿאַרן מאָרגן,
דיזעלבע דאגות, דיזעלבע זאָרגן, —
איז עס טאַקע אין געזעצן נייע,
אַז די „פֿרייע"
דאַרפֿן טראָגן קייטן אונטער שלעסער?
און אַז העכער און גרעסער
דאַרפֿן וועגט אויסוואַקסן און פֿאַרשטעלן?
נו גוט, נו וואויל,
פֿאַרשליסן ליפּן, פֿאַרמאַכן ס׳מויל,
און מיך, דאָס אידעלע
מיטן פֿידעלע
מיטן סוקעוואַטן שטעקעלע
און פּעקעלע
און זעקעלע אויפֿן פּלייצע,

וואָס פרעגט אַן עצה,
דאַרף מען שוין גאָרניט פרעגן
דערוועגן ?
מיינע קרעכצן
און לעכצן,
קריוודעס און פאַרלאַנגגען
און די וואונדן פון די צוואַנגען,
איז גאָרניט ? שוין אַלץ פאַרגעסן ?
פון אַלע וואוילטאָגן אויפגעפרעסן" ? . . .

אויסגעפוצטע זאַלן, קולוארן,
שיינע לאָרדן, פיינע האַרן
און מען רעדט און מען רעדט
אַז מען וועט און מען וועט . . .

איז צווישן גייסטער אין די זאַלן אַן אנדער גייסט פאַראַן: —
דער מאַרטירערער, דער אידישער פאַרטעזאַן !
מיט שפיז און שווערד
און ניט אויף אייגענער ערד . . .
אויף אַ ווייס־פאַרשייטן פערד וואַקסט ער אוים:
אַזוי שטאָלץ און גרוים
מיט האַק
און פאַק
און קיין סימן ניט פון אַ גלות־זאַק
אויפן פלייצע ;
ניט געקומען איז ער פאַר אַן עצה,
אָדער שטילערהייט בקשות אויסקלאָגן,
אָדער תחינות און קינות זאָגן :
נאָר געקומען
אינם נאָמען
פון זעקס מיליאָן גלויבנס־גענאָסן,
וועמעס בלוטן מען האָט פאַרגאָסן !
ער איז געקומען
אין דעם נאָמען :
אַ חשבון צו מאַכן און חובות איינצומאָנען
פון אַלע פעלקער — וועמעס פאָנען
ער האָט אין שלאַכטן געטראָגן ;
ער וויל אַצינדער קדיש זאָגן
איבער קדושים אַז אַלע זאָלן הערן !

ער וויל באַשווערן
און דערקלערן
אַלע פֿעלקער און ראַסן,
אַז פֿון זעקס מיליאָן קדושים, זאָל קיינער וואָגן שפּאַסן
און לאַכן
און חוזק מאַכן!

אויסגעפּוצטע זאַלן, קאָלאָרן,
„רונדע” טישן, שיינע האָרן
אויסגעזעצטע איינס נאָך איינס
און צווישן גייסטער אין די זאַלן אַ אידעלע אַ קליינס
איז פֿאַראַן —
עס האַלט אויך וואָך דער אידישער פּאַרטעזאַן!

לאָנדאָן, 1946.

כ'בין דאָרטן ניט געווען . . .

ניין, —
כ'בין דאָרטן ניט געווען,
דאָך געזען:
וואָלקנדיקן קרעמאַטאָריום־רויך
צו הימלען הויך
זיך ציען
און מיען
און ניט ווערן ווי קיינמאָל ניט געווען, —
כ'האָב אַלץ געזען,
אַלץ געזען . . .

אין נאַכטלעכע קאַשמאַרן בין איך ליידן דורכגעגאַנגען:
כ'האָב געהערט יללות, אויסגעמישטע מיט גסיסה־קלאַנגען
זיך טראָגנדיק פֿון גאַז־קאַמערן;
כ'האָב געפֿילט די שלייפֿן האַמערן און האַמערן,
וואַרטנדיק אויף מיין ריי אָפּצוגיין — כ'בין געגאַנגען
צום טאַקט פֿון פּאַרטויבונגס־קלאַנגען;
ביי מיין אייגענער לויה ב'איך „אשמנו” אויסגעזונגען;
די פֿון גאַזן רויע לונגען

אין ציטערדיקע הענט צו כביכול געטראָגן, —
ער זאָל עס מיר זאָגן:
וואו איז יושר, וואו איז רעכט,
אַזוי צובאַשטראָפֿן, מיך, זיין אויסדערוויילטן קנעכט? . . –

ניין, —
כ'בין דאָרטן ניט געווען,
דאָך אַלץ געפֿילט און אַלץ געזען,
אַלץ געזען:
כ'האָב מיין אייגענעם קבר געגראָבן
און געזען האָב איך ראָבן
אויף דערנעבנדיקע דעכער . .
כ'האָב געפֿילט זייער פּיקן מיינע אויגן־לעכער,
מיין האַרץ,
כ'האָב געזען דעם ביינערדיקן מענטש אין שוואַרץ
רופֿנדיק און ווינקנדיק צו מיר
און ס'אויפֿמאַכן און פֿאַרמאַכן פֿון אַ טיר . . .

— — — — — — — — — — — — — —

כ'האָב גאָרניט געזען אויפֿן וואָר,
אפֿילו ניט אַ האָר
פֿון מיין קאָפּ פֿאַרלוירן;
וואָלט איך דאָך געשוואוירן
אַז קאַשמאַרן האָבן נאַכט נאָך נאַכט
יענע גרויל־בילדער לעבעדיק געמאַכט:
כ'האָב געהערט דעם טייוולס קייכיקן געלעכטער, —
ער האָט אַלס וועכטער
אין ווינקעלעך געוואַרט,
געשמייכלט סאַרדאָניש און פֿאַרנאַרט . . .

כ'האָב אין געשטאַלטונג געזען מיינע ברידערס נויט,
געזען דעם לויערדיקן טויט
זיך שלייכנדיק אַרום זיי און מיר,
ביי זייערע גראַטן, ביי מיין טיר,
מיין אָפּגעשלאָסענע פֿאַריגלטע טיר . . .

ניין, —
כ'בין דאָרט ניט געווען,
דאָך טראָג איך קייטן אַרום האַלדז, פֿיס און הענט
צוגעקאָוועט צו ווענט —

ווענט! ווענט! הויכע, דיקע ווענט!
פֿון יעדן אַלטן שטיין, טייטלענדיקע הענט —
הענט! הענט! איינגעפּלעקטע הענט!
אַנגערייצטע פֿון פֿרעמדע און „פֿריינט״ —
אַזוי ווי נעכטן, אַזוי היינט:
מיט בייזן וואָרט, מיט שלעכטן טאַט —
פּאַראַט, אַ שטענדיקער פּאַראַט!

יאָ, אַ ברייטער שפּרייז פֿון אַ זאַטן מיין וועג פֿאַרשטעלט;
מוז איך בלייבן אין אַ תּפֿיסה וואָס הייסט וועלט?!
זאָל דאָס איינציקע וואָס מיר בלייבט אַצינד, איז שלאָגן קאָפּ אין וואַנט?!
ניין, ברידער, ניין! דאָס הייסט שאַנד!
דאָס מיינט שפּלות און שטאַרבן ווי אַ קנעכט!
דאָס מיינט מקריב זיין מענטשן־רעכט!
— וואָס איז פֿרייהייט, ווען דיך צוימט אַ קייט?!
וואָס איז לעבן, ביים שאַנד־סלופּ שטילערהייט?!
וואָס איז קינדהייט, ווען ס'ווערט ניט פֿאַר־דער־צייט?! —
ס'זאָלן ענטפֿערן דאָרויף גאָט און לייט!

ס'זאָל קיינער מיך ניט רופֿן — מאַרטירער אָדער קנעכט,
אפֿילו ווען בייטשן שמייסן, חלילה שעכט!
דאָס איז מיין אויסגעשריי מיט צאָרן און צער
קעגן מענטש און וועלט — מיין שופֿט, מיין „האר״!
קלאָג איך אָן דיך וועלט און אַלץ וואָס ס'איז דיין!
גיב מיר צוריק מיין רעכט און אַלץ וואָס ס'איז מיין!
כ'בין אויך מענטש ווי כ'בין איד!
כ'וויל ניט זיין אַ פֿרעמדער גליד
צוגעוואַקסן צו פֿעלקער און ראַסן,
פֿאַר יעדן הפֿקר־מענטש אַ חוזק צום שפּאַסן!

ניין. —
ס'איז ניט מיין גורל צו שטאַרבן ווי אַ שקלאַף!
ס'איז אויך מיין — פֿון גאָט און מענטש דער באַשאַף!
ס'איז אויך מיין — די מאַמע־ערד!
ס'איז אויך מיין די גערעכטעקייטס־שווערד!!

דער קיום פון מיין פאלק

דעם ליבן חבר י. ריכטיגער
— אַ ווידמונג.

עס דריקט דער געמיט מיט דער שווערקייט פון בליי.
פאַרוואָגנדעט ליגט אַ ריז — איז עס אַלץ געווען כדאי?
מאַמע־ערד ליגט צעריסן — וואָס וועט ווייטער זיין?
און ביים בורא פרעגט די מאַמע: זענען כאָטש די ברידער־קברים מיין?...

געצונדן ליגט דער חושך, דאָך אַ פינצטערניש אַרום.
אומעטום און אומעטום.
אויסגעשפּרייטע מוסקלעוואַטע הענט.
ווענט.
מחיצה דאָ. מחיצה דאָרט.
וואו נאָר אַ ווינקל, וואו נאָר אַן אָרט,
שטעלט אַ צוים דיך אָפּ — ס'איז ניט דיין!
און דו גרילצסט דערביי — וואָס איז מיין?!
ענטפערט, וואָס איז מיין?!

אַלבאַטראָסן אויף די זעגלען, דערציילן פון אַ שטורעם.
„מעקאַ" איז פאַראומריייניקט, אויסגעלאָשן דער לייכט־טורעם.
קיין בעל־מופת איז ניטאָ דעם ים צו שפּאַלטן...
ס'איז קיין רעגנבויגן פאַרבליבן אין אים זיך אָנצוהאַלטן...
אָבער הערצער פון גראַניט זיין פאַראַן!
אויף יעדן טריט, אויף יעדן שפּאַן,
אַ שטילער שומר וואַכט
אין דער נאַכט,
שטאָק־פינצטערע נאַכט...

אינעם חושכדיקן לאַבירינט פון גרויל איז דער גאַנג.
מאַכסט חשבונות. האָסט טענות. לאָזט הערן דיין פאַרלאַנג,
ניט־וויסנדיק אַז זיג־זאַגיש זענען וועגן באַרג אַרויף.
אַז ניט אין אָנהויב ליגט דער אָנזאָג פונעם סוף.
אַז אין האַלב־פאַרגעסענעם,
פונעם עלנט אויפגעפרעסענעם,

ליגן אָפּגעשלאָסן ערשטע זאָמען
פאַר די בלומען,
פרישע מאַרגנדיקע בלומען!

וויפל אוצרות וועלן פאַרלוירן גיין אויף די וואַנדער־וועגן?
וויפל קאַמפּן און אויף פרעמדע קריגס־פעלדער די געיעגן?
און דאָס וואָס ס'איז און וועט געשען,
— כאָטש דו ווייסט עס ניט וואו און ווען, —
וועט עס גורם זיין בלוט און טרערן צו פאַרגיסן?
ס'ווילט זיך וויסן.
ס'ווילט זיך וויסן וויפל נאָך געוואַלד־ריסן
אין דער זיידענער קאַפּאָטע פון מיין זיידן,
די ירושה וואָס געהער מיר און דיר, אונדזביידן?
וויפל נאָך הבטחות פון „טויזנט און איין נאַכט"?
פרעג זיך ברודער, גיב אַ טראַכט:
וואָס ס'מיינט קיום פון אַ פאָלק, וואָס אַזעלכעס מיינט שפּאָט?
וואָס ס'איז גלויבן, דיין שטאַם, דיין גאָט?!
און נאָך און נאָך זאָלסטו פרעגן
דערוועגן, —
פון אַלץ וואָס ס'איז געשיכטלעך דיין און מיין: —
יאָ ברודער, דאָס אַלץ מיינט קיום, ס'מיינט זיין!

טראַכט־זשע ברודער, וואו סע ליגט דיין ווערט: —
אין דיין ספר?
אין דיין שווערד?
אין דיין האַמער?
מאַשין?
אין דיין גאָלד
און אין וואַנדערן ניט וויסנדיק וואוהין?
אָדער גאולה וואָס די צייט וועט אויסוויגן?
אפשר טראַכסטו פון אַ ליגן
וואָס דיין אייגענע פחדנות האָט דיר איינגערוימט?
און אפשר ביזטו אָפּפאַל וואָס דער שטורעם האָט אויסגעשוימט?

טראַכט ברודער, ס'איז דיין קיום איצט אין קאַן!
ס'ווערט דיין גורל איצט פאַרזיגלט
און פאַריגלט,
ביי די הערן אויבנאָן... אויבנאָן...

נו, יאָ — איך און דו:
מיר ליבן שלום. מיר ליבן רו.
מיר טראָגן ברידער־ליבע אין האַרץ.
מיר האַסן גרויל און אַלץ וואָס ס'איז שוואַרץ —
נאָר דער עיקר, ברידער,
ווידער, ווידער,
ווידער, וואָס וועט זיין ? —
וואָס איז עיקר, אויב ניט גלויבן אין אַלץ וואָס ס'איז דיין ?
וואָס איז עיקר, אויב ניט אַן אייגן אויג, אַ פוס, אַ האַנט,
אַן אייגענער געלעגער מיט אייגן בעט־געוואַנט ? . . .
— — — — — — — — — — — — — —

ענטפער, ברודער,—וואו ליגט תכלית אין דיין בויען,
אין דיין שטיינער־האַקן און סטראָיען
און די גערטנער פלאַנצן
און אין קאַראַהאָדן טאַנצן, טאַנצן,
אַז תקופה טייטלט און באַשטימט אַן אַנדער גאַנג !
אַז עמאָציע וועבט אַ נייעם קאַמפּס־געזאַנג !
אַז דעם ריטם־גאַנג פון דיין פולס, האָט באַשטימט דיין ברודערס בלוט—
ס'איז דער קאַמף פאַרן קיום, וואָס באַשטימט, וואָס ס'איז שלעכט און גוט !

דעצידיר, ברודער, דעצידיר,
פאַר אַן אויסגאַנג פאַר מיר און דיר ! —
תמימות ? — דאָס גייט מיט צניעות און געזאַנג.
נאָר ווילסטו דאָ זיין, בייל דיין פויסט און פאַרלאַנג !
רייס דעם שטנס צונג און צאָם
מיט זיין אייגענעם גיהנום־פלאָם
און אַלץ וואָס ס'איז זיינס און שטייט אין וועג ! —
מען מעג דאָס ברודער, מען מעג,
ווען דיין קיום איז אין קאָן און ווילסט ניט אונטערגיין —
ניין !

לאָנדאָן, 1946.

געווען איז אַ טאָג

ווען מענטש האָט מאַשין זיך אָפּגעגעבן
און זיין לעבן
איר פאַרטרויט,
האָט טויט,
הסכמה געוואונקען לאַכנדיק;
וואַכנדיק
טאָג ווי נאַכט,
איבער אַלץ וואָס מענטש האָט צוגעטראַכט,
האָט טויט דאַן רופנדיק
און שטראָפנדיק,
אויסגעקייכט זיין ביינערנעם
און שטיינערנעם
געלעכטער: —
„ווער ז׳דער גערעכטער?
ווער האָט באַשאַפן און צושטערט
יעדן ווערט
מיט זיין שווערדט?
ווער האָט ס׳געוויסן
פונעם הארץ ארויסגעריסן,
די וועלט אָנגעצונדן
און מיט וואונדן
באַדעקט און געטויט
און געפאַרבן אַלץ בלוטיק־רויט?״

און טויט האָט טייטלענדיק
און רייטנדיק
אויף זיין שוואַרץ־פאַרשייטן פערד,
מיט זיין קאָסע געקאָסעט מאַמע־ערד —
רעכטס־אויף־לינקס פון לינקס־צו־רעכטס;
האָט מאַמע־ערד געליטן פונעם שלעכטס...

יאָ,
אַזוי, אָ.
שווערדן, פייער און שפיזן
זענען פונעם טויט אין שליחות געגאַנגען
און געפאַלן זענען רייפע זאַנגען
און ווי סנאָפּעס געפאַלן זענען ריזן...

ווען מענטש האָט מאַשין זיך אָפּגעגעבן
מיט זיין לעבן
און געפאַרבט זיך בלוטיק־רויט
און דעם טויט
פאַר אַ גלייכן שותּף גענומען,
האָט ער בלומען
אויף עפּיק און פייער פאַרביטן
און גריטן
איבער ערד־קיילאָך האָט דער טויט
מיט שוואַרץ און רויט.

האָט מענטש צום סוף געליי טערט זיך אין פייער:
וויל ער זיין אַ פרייער!
וויל ער זיין אַ נייער!

וואַנדערט מענטש אַרום אינעם מדבר, וואָס ער האָט געשאַפן.
ער האָט נאָכן שטורעם אינעם האַפן,
אַ דערשראָקענער זיך פאַרקליבן;
אַלץ וואָס בלוט און פייער האָט פאַרשריבן,
זוכט ער מיט חרטה־טרערן אויסצומעקן
און די וואונדן לעקן.
אַלע . . . אַלע . . .
ס'האָט מענטש זיין לעבן, ווי אַ יונגע כּלה,
אַרומגענומען
מיט פריידנס־טרערן און בלומען
זוכנדיק פון בראשית אָנצוהויבן
מיט גלויבן
אין זיין האַרצן:
אַז דער טויט אויף זיין פערד דעם שוואַרצן,
איז מיטן ערשטן און לעצטן אַטאָם־קיילכל פאַרשווינדן . . .
ז'אַז דער ערשטער מאָרגן־שטראַל, וועט אים פירן ווי אַ בלינדן . . .
ער גלויבט, אַז נשמה־געזאַנג וועט זיין תּיקון איצט געפונען
און אַז מענטש מיט חלומות, וואָס צערונען,
וועט תּחית־המתים אויפשטיין
און דערגיין
זיין וועג אַ ניט־געשטרויכלטער, אַ ריינער,
און אַז שעדיקן וועט אים קיינער מער, קיינער!



The March of the Martyrs B.S. דער מאַרש פֿון די קדושים

געווידמעט מיין חרוב'ע שטעדטעלע

מעזעריטש

יזכור

תש"ז 1947

דער מארש פון די קדושים

אַ פּאַנאָראַמע פון וויסטעניש, וואו קיינעם איז ניט צו זען:
אַן אויסגעשפּרייט פעלד, וואו שטאָט און מענטש איז געווען,
איז מער ניטאָ.
ס'איז שטיל. זוכסט פון לעבן אַ סימן און דו ווייסט ניט וואו.

ס'הויבט אַ שטויב זיך אינדערוויטן:
ס'יאָגן זיך שליחים, וואָס רייטן און רייטן, —
דריי זענען זיי אין צאָל —
באַרג אַרויף, צוריק אין טאָל,
מיט שופרות בלאָזנדע אין די רוימען און זיי וועקן
אין אַלע פיער עקן
פון וועלט, מענטש און רוים —
מען זעט זיי קוים.

ששששאַ!
ס'גייט אַן הקפה אַזאַ
אַן געזאַנג און אַן טאַנץ,
קיין סימן ניט פון שמחת־תורה גלאַנץ...

— — — — — — — — — — — — —

אַרמייען פון קדושים אויף „פּאַראַד"!...
אַן קאַנאָן, אַן שווערד און אַן סנאַראַד,
דאָך מיט פאָנען פון יעדערן קאָליר, אפילו רויט...
טויט
האָט דעם מענטש פאַרברידערט אינעם שלאַכט
און טויט האָט געלאַכט!
טויט האָט ציינערדיק
און ביינערדיק
געלאַכט און געלאַכט
איבער אַלץ וואָס מענטש האָט צוגעטראַכט...

עס זאָל זיין שאַ.
אפילו ניט „הוראַ".
אַזוי, אַ, שטילער זייט.

וויסט איר דעם באַדייט?
ס'איז אַן הקפה אַזאַ: —
טאַ טאַ ראַ ראַ!
טאַ טאַ ראַ ראַ!
שאַלן רייטער אין געיעג:
מאַכט אַ וועג!
מאַכט אַ וועג!

דאָרט טראָגט מען אַ חופּה מיט שטאַנגען און „קניאַק“:
צום ערשט גייט ר' הערשעלע מיט ספרים אַ פּאַק,
דער צווייטער קומט ר' סנדר, דער רבי פון שטאָט,
מיט סמנים אויף זיין לייב פון שטעכנדיקן דראָט;
אַ דריטער, אַ פערטער — מיט תורות אויף די הענט,
פון קיינעם ניט באַגריסטע און דערקענט,
און אין טראַנטעס קוים געהאַנגענע אויף באַוועגלעכע שקעלעטן,
מיט הויט־באַצויגענע שקעלעטן...

דאַן פאָלגט די עדה, קינד־און־קייט,
שטילערהייט,
מיט אויגנלעכער ליידיקע, אין חלל שטאַרנדע,
אויסגעדאַרטע קערפּער, מיטביינער שפּאַרנדע.
און ס'וויסט עס קיינער ניט וואוהין?
אָן אַ ציל און אָן אַ זין...
אַזוי זיך, סתם אַזוי, אין אומענדלעכקייט אַריין —
שששש... ס'איז דער סוד פון זיין,
דער סוד פון זיין......
... ...
מאַרשירן זיי, די קדושים, אָן ריטם און אָן טאַקט,
קיין זאַך ניט איינגעפּאַקט,
אפילו ניט דעם גלות־זאַק, — זיינט דורות אַ ירושה.
מוטער־נאַקעט, ווי אַן בושה,
גייען זיי אַצינדער:
טאַטעס, מאַמעס, קינדער,
ווי זיי וואָלטן ערגעץ־וואו געגאַנגען
מיט פאַרלאַנגען
צום רבונו־של־עולם,
אָפּצושאַפן דעם גולם,
וואָס צעשטערט
יעדן ווערט
מיטן שווערט...

ששש! ס'איז דער פאראד פון די טויטע,
מיט פאנען שווארצע און אויך רויטע
און די רייטער אינדערווייטן,
רייטן, רייטן, רייטן
מיט גוטע בשורות!—
שכר פאר מארטירערטום און צרות,
און זיי יאגן זיך און יאגן,
ווי זיי וואלטן אנזאג פון דערלייזונג געטראגן! . . .

— — — — — — — — — — — — — —

באוועגט זיך די עדה ייד מיט ייד,
טריט נאך טריט,
טריט נאך טריט,
דורך פעלדער פארוויסטע,
הייזער און גערטנער פארמיאוסטע,
און ס'טייטלען ביינערדיקע פינגער אויסגעשטרעקטע
צו די ערטער אפגעמעקטע,
צו דעם וואס ס'איז געווען און איז ניטא.—
ס'איז שטיל ארום. ס'איז רו.

טייטלען זיי די פינגער, —
אן אלטער, א יונגער:
„אט־א דארטן, מיין שטוב געווען,
קוים א שטיין,
קוים א קוימענדל פארבליבן;
קיינער, קיינער אין די שטיבן
איז פאראן,
בלויז דער קברות־מאן,
אלטער אפגעלעבטער קברות־מאן,
וואס שטארט אין חלל מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
דאך ניט דערקענט,
ניט דערקענט . . .

האט ר' סנדר זיין ווייב מירעלען באגעגנט:
„מירעלע, דו האסט זיך ניט געזעגנט,
ווי האסטו דאס געקענט ? ! . . .
מירעלע, וואו זענען דיינע הענט ? ! . . .
וואו זענען דיינע הענט ? ! . . . "

„מן־הסתם האָט גורל אַזוי געוואָלט,
אַז געהאָלפֿן האָט אפילו ניט דאָס גאָלד״, —
האָט מירעלע געשטאַמלט אַזוי צניעותדיק אַ שטילע,
און אַ זהילע:
„אַז אַ פֿייגנבלאַט איז ניט פֿאַרבליבן
אין די שטובן״ . . .
שפּאַסט זי מיט ליצנות,
און רחמנות . . .
און ס׳קליינע ר׳ סנדרל: — „אַט איז דודל, דער קדיש דיינער
און אויך מיינער . . .
דאַכט זיך מיר אַ גאַנצער ! . . .
יאָ, מירעלע, גאָר אַ גאַנצער ! . . .
געזאָלט האָט דודל זיין אַ פּאַנצער,
איז ער ניט געווען. —
דאָס קען מען זען.
מען קען דאָס זען . . .

— — — — — — — — — — — — —

„רבותי, הערט מיך אויס״ !
שטעלט אָפּ ר׳ סנדר מיט זיין גאַנצע גרויס:
„קיין איכה־ניגון מער !
פֿון קיינעם ניט קיין זיפֿץ אָדער טרער !
זאָל אין געדאַנק זיך איינקריצן
דער ניצן
פֿון דער מאַמע־ערד,
אַז די ערד איז פֿיל שטאַרקער ווי די שווערד !
עקשנות איז דער פּאַנצער פֿון זיין !
דער קאַמף פֿאַרן קיום איז דיין, דיין און דיין —
יידן.
ניטאָ מער אויפֿן הימל קיין יאַרידן ! . . .



דער יידישער פארטעזאן

איך בין אַ פאַרטעזאַן און אַ ייד דערצו.
כ׳קום פון קריגס־פעלד „ערגעץ־וואו״ . . .
מיט אַקסלען אויסגעוואַקסענע אַזוי ברייט.
כ׳גיי ניט מער מיט פחד שטילערהייט.
און די מוסקלען זענען אויך ניט ווייך און קליין,
אָ, ניין !
איך קען האַמערן מיט פויסטן אָן שרעק —
ס׳איז אַלץ אַוועק,
ס׳איז אַוועק !
כ׳קען איצט רייסן גלידערווייז פונעם „הערן־פאָלק״,

וואָס האָט אַן זין, אַן טאַלק
מיין יוגנט אָפּגעשניטן אַן דין
און דערקלערט מיר פֿאַר אַן אנדער מין.

כ'בין אַ יידישער פארטעזאַן!
שפּאַן איך איצט און שפּאַן
איבער פֿעלדער
און וועלדער,
טייכן און גריבער —
ס'איז אַלץ אַריבער,
אַלץ אַריבער!
אויף מיין חלק, טו איך צייכנס אויף מיין ביקס אויפֿקלייבן
און פֿאַרשרייבן
יעדן גרויל און טאַט —
דאָס וועט זיין פֿון געשיכטע אַ בלאַט
איבער אַלץ וואָס ס'איז געשען,
וואָס ס'איז אָפּגעמעקט ווי קיינמאָל ניט געווען:
כ'האָב געזען טויזנט מאָל דעם טויט,
כ'האָב געצערטלט מאַמע־ערד פֿאַר נויט;
כ'האָב געזען ווי מען פֿאַלט
דורך געוואַלט;
כ'האָב געזען מיין אסתרקע,
די קליינע, צאַרטע שוועסטערקע,
אַ באַליידיקטע,
אַ געשעדיקטע,
מיט טרערן
און ניט ווערן . . .

בלוט פֿאַר בלוט! — האָט מיין גאַנצער איך געשוואוירן.
כ'האָב פֿאַרלוירן
דעם צלם־אלקים!
מיין שטים,
מיין מענטשלעכן געשטאַלט —
אַ חיה בין איך אין פֿעלד און וואַלד.

„אָ, גאָט, מיין גאָט און האַר, —
איך דער גוטינקער, וואָס יעדערער ט'גערופֿן — נאַר,
און שטודירט
און ראָמאַנסען געפֿירט,

האָב פֿאַר זיך דערזען אַ וועלט אין שוואַרץ,
אָן יושר און אָן אַ האַרץ —
כ׳האָב בלוט און אייזן מקבל געווען
און פֿאַרוואַנדלט זיך אין שטיין —
זיי מיר מוחל, האַר מיין, כ׳ווייס אפֿילו ניט וואָס עס הייסט געוויין . . .

אַ סך איז לאַנג שוין ווי פֿאַרגעסן.
טאַט און גרויל האָט יעדן שפּור פֿון פֿריידן אויפֿגעפֿרעסן;
אַ בלימעלע אַ טרוקנס איז קוים פֿאַרבליבן,
אַ בלעטעלע פֿון אַ טאָג־ביכעלע ניט באַשריבן;
אויך קליינע ביינדאַלעך, צעבראָכענע, צעריבן
און אַ שנירעלע מיט קרעלן —
ס׳איז מיין שיינדעלען געווען געפֿעלן, —
אַ מתנה פֿון מיין באָבען
און פֿון זיידן ר׳ אבא׳ן . . .

ס׳איז נאָך און נאָך פֿאַראַנען:
דאָרטן, וואו דער אַלטער בית־המדרש איז געשטאַנען,
וואַרטן גייסטער פֿון יידישע פּאַרטעזאַנען;
אויך פֿון זיי,
אָן אַ רעש און אָן געשריי,
זענען אוצרות פֿון געשיכטע פֿאַרבליבן
און ווי בלוטיקע קאַרעלן אויף שנירן אויפֿגעקליבן
זענען קאַמפֿן און זיגן
אין די קריגן.

ס׳זענען הייפֿעלעך ווי גיגאַנטן אויפֿגעשטאַנען,
אָנגעקומענע פֿון דאָרטן און פֿון דאַנען, —
מיט פֿויסטן און שטאַנגען ווען ביקס איז ניט געווען
און מיט נעגל און ציין,
קעגן שטאָל, פֿלאַם און דינאַמיט —
אָט דאָס איז געווען דער געטאָ־ייד,
דער יידישער פּאַרטעזאַן.
ס׳איז פֿון זיי אַ געשיכטע פֿאַראַן . . . .

... ...

וואַרטן זיי, די גייסטער, אַז פֿאַרבייגיין זאָל דער שטורעם,
פֿון יעדן גרוב, פֿון יעדן טורעם,
אין די טויזנטער וועלן זיי קומען

חובות איינצומאָנען:
פֿאַר דעם בלוט און טרערן פֿון מאַמעס און טאַטעס,
פֿאַר די געלע לאַטעס,
פֿאַר דעם שפּאָט און שאַנד, —
אין יעדן אָרט, אין יעדן לאַנד!

און ווען אַלץ וועט זיין פֿאַרגאַנגען
און ס'וועט דער גורל אַ צווייטן מאָל פֿאַרלאַנגען
און רופֿן מיך מיט איין וואָרט,
איך שווער — איך וועל זיין דאָרט!
איך וועל זיין דאָרט!!

פרייהייטס - מארש

[מעלאָ-דעקלאַמאַציע פֿאַר סאָלע און כאָר].

— מאַרש! מאַרש! מאַרש!
הערט מען ווייט מאַרשירן:
פויקער מיט די פייקלעך
גייען פֿאָראויס און פֿירן;
קעמפֿער, העלדן, זיגער
ערגעץ־וואו אין ווייטן;
שטיוול טאָפּטשען, טרעטן,
רייטער רייטן, רייטן:
— איבער באַרג און גריבל
מאָסן! מאָסן! מאָסן!
ראַסן! ראַסן! ראַסן!
טאָפּטשען מיט די שטיוול
איבער באַרג און גריבל.

— מאַרש! מאַרש! מאַרש!
וואוהין ווייסט ניט קיינער.
וואָפֿן, פּאַק און פּעקל
טוליען פֿלייש און ביינער;
בלוט און אייזן שותּפים,
גאָרניט איז צו טייער;

הערצער — גראַניט־שטיינער,
ס׳צערט זיי ניט דער פֿייער!
— קיינמאָל ניט פֿאַרלוירן!
ס׳טאָגט שוין וואו דער מאָרגן!
מאָרגן! מאָרגן! מאָרגן!
ס׳האָט אים קאַמף געבוירן,
גייט ער ניט פֿאַרלוירן! . . .

— מאַרש! מאַרש! מאַרש!
רופֿן די טרומפּייטן:
ס׳וועקן זיך פֿאַרשקלאַפּטע,
ס׳רייסן זיך די קייטן;
ווער מיט גאָט אין הארצן,
ווער מיט בלוט און טרערן;
ס׳וואַקסן אוים גיגאַנטן,
וואָס אין קאַמף זיך מערן!
— און זיי מאָנען! מאָנען!
שקלאַפֿן טראָגן קייטן,
קייטן! קייטן! קייטן!
קעמפֿער טראָגן פֿאָנען
און זיי מאָנען! מאָנען!

— מאַרש! מאַרש! מאַרש!
טרעטן ריטמיש שטיוול:
ס׳שטערט אין וועג קיין צוימען,
בערגער אָדער גריבל;
ווייטע האָריזאָנטן
ליגן אָנגעצונדן;
ניט קיין צייט צו קרעכצן
און צו לעקן וואונדן! . . .
— אין דעם קאַמף און פֿייער
שטייט דאָס פֿאָלק און קאָוועט,
קאָוועט! קאָוועט! קאָוועט!
ס׳ווערט דער שקלאַף אַ פֿרייער
אין דעם קאַמף און פֿייער!

— מאַרש! מאַרש! מאַרש!
ס׳איז אַ קאַמף פאַר פרייהייט:
ס׳הויבן זיך די פאַנען,
ס׳שווערן קעמפער טרייהייט!
הערצער מיט בטחון
אין דעם קאַמף דערהויבן;
ס׳זאָל ניט וואַגן קיינער
גלויבן אָפּצורויבן!
— ווער איז אונדזער גלייכן
איבער לאַנד און מדבר?!
מדבר! מדבר! מדבר!
איבער ים און טייכן
ווער איז אונדזער גלייכן?!

— מאַרש! מאַרש! מאַרש!
שלאָגט צום טאַקט דאָס הארצן:
ס׳רייסט זיך דער באַגינען
דורך דעם רוים דעם שוואַרצן:
ס׳קומט אַ נייער מאָרגן,
זון־ליכט, שיינע פאַרבן, —
אויב פאַר אים צו לעבן,
ז׳ווערט פאַר אים צו שטאַרבן!
— פאַר דעם נייעם מאָרגן
אַלץ אוועקצוגעבן!
געבן! געבן! געבן!
און פאַר אים צו זאָרגן —
פאַר דעם נייעם מאָרגן!

די שעה פון נצחון!

1.

זאָלן בלאָזן די שופרות אין טאָג פֿון נצחון!
זאָלן זינגען די כאָרן, — געזיגט האָט בטחון!
זאָלן קינדער זיך פֿרייען מיט פֿאָנען צעפֿלאַטערט!
גענוג האָט זיי חושך מיט אומעט געמאַטערט!
צעאַקערט די פֿעלדער, זאָל גרינען, זאָל בליען!
זאָלן הערצער די שוואַרצע פֿון שונאים צעגליען!
ציגדט זיי אָן די פֿאַקלען! זאָל ברענען! זאָל לייכטן!
באַגריסט דעם נצחון און גייסט דעם באַרייכטן.

.2

אַרויס אין די גאַסן פֿון אונטער פֿאַרהאַנגען!
זאָלן קומען פֿון העלדזוער מיט פֿרייד די געזאַנגען!
איר טאַטעס און מאַמעס באַפֿרייט פֿון קאַשמאַרן, —
לאָזט טאַנצן די קינדער, עס זאָל אייך ניט אַרן.
ניטאָ מער קיין אייזערנע, שרעקנדע שפּאַרבערס!
אויך פֿריי זענען פֿעלדער, באַפֿרייט זענען „האַרוועדס״!
און שטום זענען אויך די קלאָגנדע סירענען״, —
עס טוען די לעצטע גיהנום׳ס אויסברענען! . . .

.3

קריצט איין אין זכרון די קעמפֿערס געשטאַלטן
ס׳זאָל בלייבן אויף דורות די ווערטן באַהאַלטן:
פֿון בלוטן די טראָפּנס ווי רויטע רובינען,
פֿון מאַמעס די טרערן, געריסענע פֿון זינען;
און זאָלן זיי דינען ווי צירונגס־מאָנומענטן:
פֿאַר קינדער פֿון מאָרגן, די שענסטע פּרעזענטן;
עס זאָלן די קינדער מאַרטירער באַלוינען —
פֿון ליבע און גלויבן זיך אויסשמידן קרוינען!

.4

אַ וועלט איז געשטאָרבן, אַ וועלט איז געבוירן!
עס האָבן געשטאַלטן אבלות פֿאַרלוירן;
אין פֿלאַמיקן חושך האָט שטן געיובלט,
עס האָט אויך דעם מענטשן גיהנום געטובלט;
עס האָט אים פֿאַרברידערט דער מאַטער און גלויבן,
ער פֿילט זיך געלייטערט, מיט יום־טוב דערהויבן!
ער קען און ער מעג אויך איצט זאָגן נביאות, —
ער וועט איבערקומען די גרעסטע נסיעות!

.5

אויף נעכטיקע פֿעלדער די גרינע, באַפֿלעקטע,
דאָרט הויבן זיך גייסטער מיט הענט אויסגעשטרעקטע
מיט „שלום־עליכם״! . . . מיט זינען און ווײַזן
מיר ברענגען פֿון אַלעמען גליקלעכע גריסן:

„די גריסן פֿון ברידער, חברים און שכנים;
איר זאָלט אינעם יום־טוב ניט אויסלאָזן קיינעם;
מיר וועלן זיך פֿרייען מיט אייך דאָ צוזאַמען —
מיט ברידער און שוועסטער, מיט טאַטן און מאַמען!"

6.

ס'זאָל אויפֿהערן טרויער פֿון איכה דער ניגון!
סע וועט זיך אַ נייער באַגינען אויסוויגן.
ס'לייכטן האָריזאָנטן מיט טויזנטער זונען!
פֿון אַלע פֿיער עקן סע הויבן זיך פֿאָנען!
זאָל קיינער ניט וויינען, ס'זאָל קיינער ניט קלאָגן!
קיין שטילינקע טרערן, קיין זיפֿצן און נאָגן!
אַ נייער בראשית ווערט איצטער געבוירן —
עס זאָל קיין מינוט ניט אויך איצט גיין פֿאַרלוירן!

7.

מיר זענען אַ גליד צווישן פֿעלקער און ראַסן!
ס'זאָל קיינער ניט וואַגן לייקענען און שפּאַסן!
די קאַמפֿן און זיגן, — זיי האָבן באַשטעטיקט,
מיר האָבן געבלוטיקט, מיר האָבן געוויטיקט!
ס'זיין עדות די קריעות וואָס זענען געריסן!
די וואונדן אויף לייבער, וואָס בייטש האָט געשמיסן!
פּאַלאַצן און קעלערס אויף אַשן פֿאַרברענטע,
פּנימער פֿאַרקרומטע, פֿון קיינעם דערקענטע!

8.

מיר קענען זיין קעמפֿער, מיר קענען זיין יידן!
מיר קענען זיין לערער, מיר קענען זיין שמידן! —
פֿון שטיינער און ציגל און ליימענע גריבער,
עס האָט אויך געשיכטע געשריבן דעריבער! . . .

— — — — — — — — — — — — —

מיר ליידן, מיר שטרייטן, מיר בלייבן אויף וואַכן!
ס'זאָל קיינער ניט וואַגן אַ שפּאַס מיט אונדז מאַכן!
מיר האָבן דעם גלויבן! מיר האָבן בטחון!
ס'איז אונדזערס ווי זייערס, די שעה פֿון נצחון!

לאָנדאָן, מאַי 1945.

תחית המתים

דעם ליבן חבר מאָריס קאַץ׳ן
— אַ מתנה.

העי!
זיי מיין איך, זיי! —
קומט אהער ברידער, קומט אהער,
דער און דער און דער,
ר׳ יענקעלען צו באַגריסן!
איר דאַרפט עס וויסן:
ס׳איז ר׳ יענקעלע תחית המתים אויפגעשטאַנען!
קומט אהער אויסבאַהאַלטענע פון דאָרטן און פון דאַנען.
קומט אהער!
אַ אידיש שטעטל איז געווען און איז ניט מער!
ס׳זענען ברידער אין בלוט און טרערן אָפּגעגאַנגען!
ס׳זענען יתומים פאַרבליבן מיט פאַרלאַנגען:
אַ קאַפּאָטקעלע, אַ קרעטן קליידעלע,
ווייל דאָס אינגעלע און מיידעלע
און שיכעלעך
אויף די פיסעלעך
אינעם חדר און אין שול אריין צו גיין —
מען דאַרף פאַרשטיין,
מען דאַרף פאַרשטיין, —
און פאַרן מוח
און כוח
אַ „סקאָרינקע" ברויט די נשמה צו דערהאַלטן
און אַ שטוב מיט אַ דאַך פון עם ווינט זיך אויסבאַהאַלטן;
און ס׳בית־המדרשל דאָס שיינע
און דאָס מקוהלע דאָס קליינע,
אַלץ, אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן
און פאַרלאָרן — — —

ס׳האָט יענקעלעס בני בית דעם ערשטן בראַנד געטראָגן;
ווער קען זאָגן:

וועמעס גורל און גזרות ס׳איז אויף יענקעלעס קאָפּ געפאַלן?
וויפל גאַלן
ער האָט אויף זיין חלק געטרונקען און געשוויגן?
וויפל מאָל מען האָט אין זיין פּנים געשפּיגן?
ווער נאָך ווייסט אין וועמעס גיהנום ס׳האָבן די יענקעלעך געברענט?
קוקט אייך איין אין די טייטלענדיקע הענט:
פון די רואינען ארויס, פון קוימענס און ווענט!
הערט צו דעם ווינטס סאַרדאָנישן געלעכטער! —
וואָס קען נאָך זיין ערגער און שלעכטער,
ווי די טרערן פון די הוילע אויגנלעכער,
די טרוקענע הענט־ביינדלעך, אויסגעשטרעקטע ווי די פּעכער?!

הערט אייך איין צו יללות פון קינד־און־קייט,
צו דעם זיפצן און וויינען שטילערהייט! —
ווער קען לייקענען די קרובהשאַפט פון אַן אייגענעם גליד?
ווער קען לייקענען די קרובהשאַפט פון ייד צו ייד?
זיין פריידן און ליידן האָט דאָך אַלעמאָל אַ זין —
יאָ, עס האָט אַ זין
אפילו זיין יום־הדין!...
זאָל־זשע איצט דער וועלטס געוויסן זיין פסק־דין אַרויסטראָגן!
זאָל מען פסקענען און זאָגן
ווער עס זאָל דעם חשבון מאַכן, ווער עס זאָל באַצאָלן!
ס׳איז ניט געמאָלן
נאָך לענגער אַלץ צו וואַרטן אויף די פּישקעס,
ווען איינגעדאַרטע בייכער און קישקעס
האַלטן אין איין מאָנען!
נו, יאָ, יובל־געזאַנגען און פאָנען,
זער גוט, זער גוט —
אָבער ייד איז ייד!

אזוי רופט ר׳ יענקעלע פון שטייטל,
פונעם קלייזל און פון קלייטל:
„איך בין עס טאַקע תחית־המתים אויפגעשטאַנען!
פאַראַנען
נאָך פאַר מיר אַ מאָרגן!
אָבער קיינמאָל מער ביי פרעמדע וועל איך גליק אויסבאָרגן!

ס׳וועט ר׳ יענקעלע פֿון בראשית אָנהויבן
מיט אַ גלויבן
אין זיין האַרצן! —
ס׳גלויבט ר׳ יענקעלע אין דער „סאָכע״ און אין באָדן דעם שוואַרצן!
ער גלויבט אין די „מאַזאַליעס״, ראָד, אייזן און מאַשין
און קיינמאָל מער זאָל אַ פֿראַגע זיין — וואוהין?!
ס׳גלויבט ר׳ יענקעלע אין זיין קיום און אייגענעם פֿאַרשטאַנד! —
יאָ, ר׳ יענקעלע וועט די וואונדן לעקן נאָך געדענקען זיין בראַנד!
ער וועט געדענקען דעם שטעכעדיקן דראָט אויף זיין לייב!
געדענקען וועט ר׳ יענקעלע זיין בני־בית און זיין דודלס ווייב
צוזאַמען מיט דעם קינד, ניט אויסגעטראָגענע,
שטילע, ליבע ווערטער ניט דערזאָגענע,
וועגן זיך, דודלען און נאָכניט געבוירן קינד —
דין־וחשבון מאָנט ר׳ יענקעלע פֿון דער וועלט אצינד!

לאָנדאָן, אַפּריל 1945.

דער מענטש — דער ייד

ניט מער קיין קינות,
ניט מער קיין תחינות,
ניט מער דאָס יאָמערלעכע קלאָגן;
ז׳אַז מען מוז שוין קדיש־זאָגן
נאָך קדושים אומגעקומענע,
נאָך ירושות און חלומות צערונענע,
זאָל מען זאָגנדיק שטאַרקן דעם בטחון
אין נצחון.

ניט ווי בעטלער ביים רייכהויז וועלן מיר וואַרטן
אויף אַ נס געגאַרטן.
ניט ווי אָרימע קרובים וועלן מיר הענט אויסשטרעקן
און די טעלער לעקן:
ווי אמתע מחותנים אויסגעפוצטע, שפּרינגענדיק
און זינגענדיק
צו דער שמחה וועלן מיר קומען
מיט משקה און מיט בלומען, —

כאָטש אין הערצער וועלן מיר טראָגן די סמנים
פֿון מאַרטירערטום און דאַנטעס גיהנום,
פֿון צוגעטיילטע ווייטיקן פֿון דעם און פֿון יענעם ;
מיר'ן קומען פֿון שותפות א גלייכן חלק ארויסצונעמען
און שאַנד צו דעם, וואָס וועט וואַגן אונדז פֿאַרשעמען
און ווי שטיף־קינדער אָפּטרייבן
און די לעצטע אויסטיילן, וואָס ס'וועט פֿאַרבלייבן . . .

ניט מער גוזר־תענית־זיין און אין טרויער זיך אָנקליידן !
ניט מער מיט קעפּ־געבויגענע זיך אָפּשיידן !
ניט מער רחמים זאָל מען הערן !
מיר דערקלערן
פֿאַר דער גאַנצער וועלט צו הערן,
אַז ס'האָט אונדז בלוט און טרערן פֿאַר גלייכע שותפים געמאַכט !
אַז שותפותדיק האָבן מיר געוויינט און געלאַכט !
אויך געהייליקט האָט דער ציל דיזעלבע שווערד !
אַז געטרונקען אונדזער בלוט האָט דיזעלבע ערד !
זאָל די שעה פֿון נצחון אונדז פֿאַרשעמטע ניט געפֿונען !
אונדזערע פויקן און פֿאָנען,
זאָלן אויך פֿירן
ביים מאַרשירן !

געווּג האָט שקר געלאַכט אויף יעדן טריט ! —
דאָס רופֿט אַצינד דער מענטש ! דער ייד !
וואָס גיסט זיין בלוט צי ער וויל צי ניט,
וואָס טראָגט איעדנס וואונטשעוואַניע פֿאַראויס
און שפּרינגט דריימאָל קדוש צו דעם וואָס ס'איז גרויס !

שרייט ער איצט דער מענטש, דער ייד, — גענוג !
זאָל גערעכטיקייטס־וואָג
כאָטש איינמאָל מיט געוויסן אָפּוועגן
דעם פֿאַרמעגן
וואָס געוואָלט האָט צעשטערט.
איר הערט ?
ס'זענען אויך אונדזערע בלוטן און וואונדן,
וואָס האָבן דעם חושך געצונדן !
— גענוג, מיר גיבן מער ניט קיין קרעדיט ! —
דאָס שרייט אַצינד דער מענטש ! דער ייד !

לידער־קראַנץ

אַ מתנה

דעם ליבן דיכטער און קאָלעגע

משה עובד

צו זיין 60־יאָריקן געבורטס־טאָג

לאָנדאָן, 1946.

* * *

דעם יובילאַר און דיכטער־יוֹאוועליר,
דעם וואָס האָט אויף צייטס־רויטער שניר
אויפֿגעצויגען זעכציק זינגענדיקע יאָרן
און די יאָרן
ווי אַ גאָרן
מיט לייטער־שטאַפּלעך אָנגעקליבענע,
מיט אותיות גאָלדענע אָנגעשריבענע,
זענען מעשים שיינע
קריסטאָל־ריינע,
זינגענדיקע מעשים אויסגעצערטלטע,
געשליפֿענע, געווערטלטע,
געמאָסטן און געוואויגענע,
מיט סאַמעט־ווייכקייט אָנגעזויגענע, —
אָטאָ דעם אַ דיכטערישע מתנה!

דעם יובילאַר און דיכטער יוֹאוועליר:
אַ גאָלדענע שניר
מיט עבֿט־דיכטערישע קאַפּריזן,
קליינע און אויך גרויסע ווי די ריזן;
אָבער אַלץ צוזאַמען,
סיי זיין תחינה־ניגון פֿון זיין מאַמען,
סיי דער פּאַטאָס פֿון זיין „אלף־בית” „אין חדר”
נאָך איידער
ר׳ווערט אינגאַנצן פֿאַרגעסן
און פֿון יאָרן לאַנגע אויפֿגעפֿרעסן, —
זענען כשוף־קלאַנגען
פֿון געזאַנגען,
ווי די עבֿאָס פֿון דורות־לאַנג־פֿאַרלוירענע,
דאָך באַגינענדיקע ניי־געבוירענע,
זינגענדיקע עבֿאָס־צאַרטע
פֿונעם חדר און די בענקלעך האַרטע . . .

מיין מתנה — דעם יובילאַר און דיכטער יוֹאוועליר —
אינעם נאָמען פֿון מיר
און דיר
און טויזנט אַנדערע אַרום
אָנשטאָט אַ בלום ; —
אַ לויבגעזאַנג פֿאַרן זינגען
ווי דער טרובאַדאָר ניט באַדוּנגען,
ניט אויסלאָזנדיק אפילו „גענזעלעך און שמאַלץ אויף פּסח" . . .
אָבער ווייסן ווייס־אַך,
אַז אַלץ און יעדעס זענען דיכטערישע אָקאָרדן שיינע,
קריסטאַל־ריינע,
ווי עס פּאַסט פֿאַר דעם יובילאַר און דיכטער יוֹאוועליר —

קינדער פון אוראנוס

(אַלעגאָריע)

I.

סע קען זיין איך, ס׳קען אויך זיין דו, מיין פריינט;
ס׳איז שטענדיק איינער פון אונדז ביידן,
וואָס קרייציקט ליבע־חלומות
און פאַרלייקענט דעם סוד פון זיין,
ווען דאָס אויסגעחלומטע ליד איז פאַרענדיקט
און אַ נייַ געזאַנג צום זינגען איז ניט פאַראַן . . .

דו און איך,
מיר זענען קינדער פון אוראַנוס,
ערשטער קעניג פון די געטער:
מיר ווערן באַגריסט ביי די, וואָס ליבן,
און ביי אַנדערע פאַרלייקנט,
וועמעס הערצער ס׳זענען שוואַרצער ווי די נאַכט,
פון וועמעס ליפן ס׳טריפט סם.

מיר זענען קינדער פון אוראַנוס
און געלויבט פון אים,
און געליבט פון אים,
דאָך פרעמדע אינעם שטערבלעכן ארום;
ווי שטילע וואַנדערער אויף אַ פרעמדן וועג
שלייכן מיר אויסבאַהאַלטענע,
מיט אונדזער צער דעם שטילן און זיסן טרויער,
נאַכט ווי טאָג און טאָג ווי נאַכט,
ווי די שטיף־קינדער פון וועלט און מענטש.

ציטער ניט, פריינט, און ניט שלוכץ;
שרעק דיך ניט פאַר דעם באַגינען,
פאַר דעם געטלעכן בראשית אין דיין וועזן —
איז צום שווערסטן דער בלויער פאַרטאָג,
די געבורט . . .

קוק זיך איין, זוכער, אינעם קנאָספּיקן באַגינען:
דאָרטן שוועבן זיי, די קינדער פון אוראַנוס;

דאָרטן רייטן זיי אויף פֿליגלען פֿון ווייסע שוואַנען
צווישן זילבער־גרויע וואָלקנדלעך, איינס נאָך איינס,
איינס נאָך איינס אין אַ פּראָצעסיע אַ לאַנגע,
און זיי זינגען לויטערע געזאַנגען
פֿון אַלץ און אַלעמען אין פֿאַרכשופֿטן אַרום,
אינעם רוים פֿון אַלהערשער,
אין זיין געוועלב —
ער איז דאָ און דאָרטן, צווישן הימל און ערד,
און אומעטום;
אומעטום איז ער פֿאַראַן — — —

און זיי נידערן, אָט די קינדער פֿון אוראַנוס,
מיט לירע און טאַנץ, דעם באַגינען צו באַגריסן,
און זיי זינגען קוים־הערבאַרע געזאַנגען —
אַ ווידמונג אַזאַ צו אַלץ וואָס לעבט און שטאַרבט:
ס'איז אַ תּפֿילה פֿאַר די נאָך-ניט געבוירענע,
אַ תּפֿילה פֿאַר פֿרוילעכער קיילעכדיקייט,
וואָס באַוועגט זיך און וואַרט געבוירן צו ווערן;
ס'איז אַן אַקאָרד פֿון דעם פֿאַרטראַכטן אין געזאַנג פֿון לייב —
ס'איז אייביקייט!

ס'נידערט טאָג שוין באַרג אַראָפּ אין מערב,
דאָרט, וואו זון טונקט זיך אין פּורפּור־רויט . . .
... ...
קוק זיך איין אינעם בלויטיקן האָריזאָנט,
דאָרט גייען זיי, די קינדער פֿון אוראַנוס, זינגענדיקע,
יאָנטעוודיקע,
מיט בלומען־קראַנצן און גירלאַנדן אויף לאַנקעס גרינע:
שורות־ווייז קומען זיי פֿון אומענדלעכקייט אַרויס,
מיט פֿלייטן און פֿידלען, וואָס ווײנען אויס נגונים,
און זיי קלעטערן באַרג אַרויף אין אומענדלעכקייט אַריין
העכער, העכער אויף ניט זעבאַרע לייטערס,
אַנגעטוענע אין ווייסן,
מיט הייליקע ספֿרימלעך אין די הענט
און מיט וואַקסענע ליכטלעך געצונדענע
פֿאַר זינדיקע נשמות וועגן, בלאָנדזשענדיקע,
וועלכע זוכן אַ תּיקון און געפֿונען ניט;
און זיי רויכערן קטורת שדים צו פֿאַרטרייבן,
און פֿליגלען ווייסע פֿלאַטערן און פֿלאַטערן:

דאָס זיינען מלאכים מתפלל,
און די ליפּן זייערע קוים באַוועגן זיך,
שטיל־מורמלענדיקע ליפּן אין אַן אָוונטיק געבעט;
אויך זיי זינגען אוים אַ לויב צו אוראַנוס,
זייער האַר,
דעם ערשטן קעניג פון די געטער, פאַר זיין גנאָד,
פאַר געבורט און אויפלעזונג,
פאַרן וויניקסטן און פאַר אַלץ אַ לויב . . .

לאָמיר אויך שירה זינגען, ברודער!
לאָמיר גיין דעם אייביקן קאַראַהאָד, ברודער!
לאָמיר גיין דעם אייביקן קאַראַהאָד, ברודער!
און מיט געזאַנג און טאַנץ קומען נענטער צו אים:
מיר זענען ריין,
מיר זענען דאָך אין אייגענע טרערן געטובלט,
אין שטילע ליידן געלייטערט:
לאָמיר זינגען מיט עקסטאַז פון היילִיקע!
לאָמיר זיך צעטאַנצן, ווי די פלאַטערלעך
אַרום דעם פלעמל פון אַ ליכט —
זאָל דאָס זיין אונדזער טאָג פון אַלע טעג!
זאָל עס זיין אונדזער שעה פון אַלע שעהן!
לאָמיר זינגענדיק און טאַנצנדיק אונדזער גורל באַשטעטיקן
און דעם שמערץ אינעם שמייכל באַהאַלטן,
ביז דער צער וועט אויסגערונען זיין,
ביז אַלץ וועט אָננעמען דאָס געשטאַלט פון ערד
און אין ערדישן זיך פאַרלירן,
ווייל אַזוי מאָנט ערד! . . . .

II.

קום, פריינט, —
לאָמיר גיין רייסן צייטיקע עפּל,
אפילו ווען די גערטנער זענען פרעמדע
און מיט הויכע פּלויטן געצוימט . . .

ניין, פריינט, —
ס'איז ניט קיין זינד צו רייסן רייפע עפּל!
ס'איז ניט קיין זינד צו טרינקען פון אַ קוואַל קרישטאָל־קלאָר
ווען דער גומען איז טרוקן און מיראַזש האָט גענאַרט . . .

ניט קיין זינד איז צו טאנצן אויף א ווייסער ליליע,
ווען זי רייצט דיך ווי א זינדיקע „מאַראַנע״!
ס'איז ניט קיין זינד צו טרינקען פרעמדן וויין,
קרעפּטיק רויטן־וויין
ווען דער ווילן איז פאַראַן
און מענטשלעכע עמאָציעס מאָנען
און די מוסקלען זענען ווי סטרונעס געצויגן
און די נאכט איז יונג און רייצט דיך מיט אירע לאָקן
און בראַנז־רייפע מילגראַמען, רונדיקע און שיינע,
ווארטן מען זאָל זיי עפענען און נאַשן
און געניסן,
זינגענדיק דערביי ס'געזאַנג פון ליבע —
לאָמיר זינגען, ברודער,
לאָמיר זינגען!

ווען א פרעמדער דיך באַגעגנט אויף דיין וועג
און דיך פרעגן ווי מען רופט דיך,
דיין שטאַם,
און דעם גלויבן, אין וועלכן דו גלויבסט
און וואוהין דו גייסט אזוי שפעט
און מיט וועלכן אינערלעכן פאַרלאַנג דו ביסט געזיגלט, —
לייקן ניט,
פאַרלייקן ניט דיין אמונה!
זאָג דעם פרעמדן, אז דיין נאָמען איז „מענטש״
אז דיין גורל האָט באשטימט דיין גלויבן
און וואָס ס'איז פריי און שיין איז דיר ליב
און אז צייטיקע עפל און מילגראַמען זענען פריי
ווי הימל, ערד און לופט צו געניסן! . .
זאָג אויך דעם פרעמדן, אז דו ווילסט זיין פריי!
אז קייטן אליין אויסגעשמידטע, דריקן צום שטאַרקסטן:
זיי באַצווינגען און צוימען דיין געדאַנק
אין האָפנונג פאַר באַפרייאונג,
אין א מאָרגן ווי אין א היינט.

יאָ,
וועסט אים זאָגן, דעם פרעמדן,
אז דיין וועג איז צו „קיינעמס לאַנד״ . . .
און אוראַנוס איז דיין קעניג,
און אז דו ביסט זיין געזעצלעכער יורש,

זיין פּרינץ,
דער ווייסער פּרינץ פֿון רויטע האָריזאָנטן —
פֿון וועלט און רוים!

און אַ שטאָלצער, ווי אַ פּרינץ, זאָלסטו שווייגן און געדענקען:
אַז אין טויגענד רייפֿט זיך שטורעם;
אַז דערוואַרטונג איז די גרעסטע טייל פֿון ליבע
און דערגרייכונג איז דער בלויער בין-השמשות...
זאָלסט אויך געדענקען, ברודער,
אַז ווילן באַצווינגט דאָס געוויסן;
אַז ליבע איז ניט ווי ווייַן, וואָס קרעפּטיקט זיך מיט עלטער —
ניין, ברודער, —
ס'איז ניט קיין זינד, ווען ס'האַרץ באַצווינגט דעם מוח;
ווען די נעסט איז געבויט און דער זיווג רופֿט...

זאָג אויך דעם פֿרעמדן אויף דיין וועג:
אַז אַלץ, וואָס ס'איז שיין, איז גרעסער נאָך ווי גרוים!
וואו נאָר דיין האַרץ זינגט שירה איז דיין טעמפּל!
וואו נאָר דו בלייבסט מיט דיין הייליקייט איז מזרח!
דיין אייגענער „פּאַרוואָס” איז דיין גלויבן!
דיין פּעסטונג!
דיין אוניווערז!

מיין גורל

מיינע ליבע פריינט —
דעם דיכטער מאַקס הערשמאַן
און זיין פרוי ענני
מיין מתנה.

עס האָט זיך דאָס האַרץ מיינס אין אומעט געטובלט;
איך האָב ניט געזונגען, איך האָב ניט געיובלט,
ווען ס'האָט אין זכרון דיין אָנבליק דערוואַכט,
דאָס האָבן מחשבות די וויזיע פאַרטראַכט . . .
פיל שיינע חלומות אמאָל אויסגעשפינטע,
צעבליטע, צעגרינטע . . .
כ'האָב וואַנדערן געפונען אין חלום ביינאַכט,
אין חלום ביינאַכט . . .
איך האָב דיך מיט ציטער, מיט פלאַטער באַגעגנט.
איך האָב מיך פאַרויטלט און שטיל זיך געזעגנט:
האָסט דעמאָלט פאַרזיגלט אַלץ וואָס ס'איז דיין —
אויב דאָס איז מיין גורל, טאָ זאָל אַזוי זיין! . . .
איך וועל צו דיין אָנבליק בלויז זינגען אַ ניגון,
מיט ניגון פאַרוויגן
אין טיפן זכרון דיין בליצנדע שיין,
דיין בליצנדע שיין . . .

עס טראָגט מיך דער דמיון צום ערשטן באַגינען,
צו שטראַמיקע קוועלכעלעך ערגעץ וואָס רינען . . .
דאָרט רוען חלומות פאַרברוגזט אַליין,
איך וויים ניט דעם זינען, איך קען ניט פאַרשטיין:
ס'וואַרט איצט דער אָנהויב ס'זאָל קומען דער אויסלאָז,
פון שטורעם דער אויסגאָס,
פאַרקליידעט אין ווייסן פון ערגעץ־צו־גיין,
פון ערגעץ־צו־גיין . . .

און וועט מען מיך פרעגן צי האָב איך פאַרגעסן
די שפורן פון שליאַדן וואָס צייט האָט צעפרעסן —
יאָ, כ'האָב קאָמפּאַס פאַרלוירן, כ'וויים ניט דעם גאַנג.
כ'האָב אויף מיין רייזע פאַרגעסן געזאַנג.

אין שטענדיקן בלאָנדזשען פאַר׳אבלט געפינען
מיין ערשטן באַגינען;
פאַרגרויט און פאַרעלטערט — עס טוט אזוי באַנג,
עס טוט אזוי באַנג . . .

ס׳האָט עמעץ מיין טאָג־בוך מיט רויטקייט פאַרשריבן,
בלוטיקע שטריכן איז מיר בלויז פאַרבליבן . . .
מיין וועזן פאַרשאַכערט, דערשטיקט מיין באַגער;
אַ שטימע ט׳געריפן, איך ווייס עס ניט ווער.
איצט בין איך מקבר די טעג אָפּגעלעבטע;
אויף פעדעם געוועבטע
איך צי זיי, ווי פערל, אַ טרער נאָך אַ טרער.
אַ טרער נאָך אַ טרער . . .

געשפילט און פאַרשפילט זיך, געוואַרט און געשוויגן;
אויף הויכן געקלעטערט און ווייט ניט געשטיגן, —
אַזוי האָט געזאָלט זיין, אזוי איז געשען.
ס׳איז לאַנג שוין פאַרגאַנגען, כ׳געדענק עס קוים ווען.
איצט צייל איך די פעטלם פון טרוקענע בלומען,
פאַרוויייעטע זאָמען.
איך האָב אין דעם פלאַטער דעם שטן דערזען,
דעם שטן דערזען . . .

שפּיטאָל - סאָנעטן

.1

זיי האָבן זיך שטיל אין ווינקעלעך באַגעגנט
צווישן בוימער און פאַרשכורט ס׳געוויסן ;
מיט אַ בענקעניש מיט מענטש צוגלייך געניסן
און ווי פרעמדע מיט חרטה זיך געזעגנט . . .

זי האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון זיסן ציטער
און געטוליעטע, געצערטלטע פאַרלאַנגען ;
אַ ווייברירטע, אַ באַפרייטע פון די צוואַנגען,
האָט זי אויסגעפּלאַצט פון גרענעצן מיט געוויטער . . .

און סודותדיקע טרעפונגען צווישן בלומען,
האָבן אויסגעזאָגט, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען, —
בלויז שווייגנדיקע בוימער האָבן אַלץ געזען . . .

באַהאַלטן ט׳זי געטראָגן דעם מענטש פון מאָרגן ;
האָט פאַר ווײַלעם קורצע גליק פאַר זיך געבאָרגן
און ער — געשוויגן האָט, געוואַרט, וואָס ס׳וועט געשען . . .

.2

אין אַ שאַטנדיקן ווינקל ליגט מיין פריינט : —
אַן אָפן בוך, אַ פלעשעלע ביי דער זייט,
אויך אַזייגערל, וואָס „טיקט" און זאָגט די צייט
און אַ בלויער אָפשיין אים צוקאָפּנס שיינט.

אַ ציטערדיקער פינגער אין דער לופטן שוועבט, —
שרייבט ער אַזוי אַ בריוו ? — ער האָט עס ניט געזאָגט.
דאָך איז קיין סוד ניט, אַז עפּעס אין אים נאָגט.
ז׳אפשר האָט זיך אים אַ מאָרגן אויסגעוועבט ? . . .

ר׳האָט אַ סך פאַרשפּעטיקט אין זיין ערשטן גאַנג
און קוים באַוויזן זינגען אַן ערשט געזאַנג . . .
סערענאַדעס, ווייסט ער, זינגט מען ניט אַזוי . . .

הערט ער דאָך אין האַרץ זיינס קלאַנגען פון אַ ליד . . .
ווייל ער ניט דאָס ליד פאַרלירן, איז ער מיד ;
נאָר אין נויטן איז דאָך אויכעט גוט אַ שטרוי . . .

.3

סאַמעט־בלויע שטילקייט און סודותדיק אַרום:
שטילע, ווייסע שאָטנס — קראַנקן־שוועסטער, וואַכן;
זעלטן הערסטו אַז זיי שטיפֿן אָדער לאַכן.
לויפֿן אום באַשעפֿטיקט און היטן אומעטום . . .

אַ יוגנטלעכער שווייגנדיק, שפּילט זיך מיט אַ בלום,
כאַטש די אויגן־לעדלאַך נעמען זיך פֿאַרמאַכן;
יעדעם אָפּגעריסן בלעטל צווישן זאַכן,
פֿאַלט ווי יתומדיק און ברוגזלעך און שטום . . .

דער גורל האָט אָפּגעמעקט אין אים זיין גלויבן:
ער גלויבט ניט מער אין זיין ווידער זיך אויפֿהויבן,
און אַז מען וועט אים רופֿן, איז ער שטענדיק גרייט . . .

עס אַרט אים ניט אַז היץ איז גראַדיק־הויך געשטיגן —
זאָל עס שרפֿהן און אין לעצטן שלאָף פֿאַרוויגן;
עס איז פֿיל בעסער, אַז מען ווייסט ניט אַז מען גייט . . .

.4

כ'האָב היינט אין אָוונט אַ תפילה שטיל געזונגען
און ביים זינגען האָט מיין שכן מיר געוואונקן:
עמעץ דאָרטן אינעם ווינקל איז געזונקען
און פֿאַרשווינגן איז אַ ניגון פֿון צוויי לונגען . . .

כ'האָב דאָס גלעקל ביי מיין קאָפּ־שטיק אָנגעקלונגען,
איז די שוועסטער מיט אַ פֿלאַטער אָנגעקומען —
ווייסער ליליען־פֿלאַטער . . . פֿרישער טוי אויף בלומען:
גאַנצע כאָרן האָבן הימנען שטיל געזונגען . . .

אַ מלאכימדיקער פֿלאַטער פֿון באַדינטע
און אויך מוסקלעוואַטע אָרעמס פֿון געזונטע,
האָבן ס'בעטל מיט אַ „קדוש" אָפּגעטראָגן . . .

סודותדיקער שטילער שעפּטשן, שטילע טענער —
פֿאַרוואָס טרויער? ס'איז דאָס אויפֿלעזן פֿיל שענער . . .
זאָלן אַנדערע דערזינגען און דערזאָגן.

.5

מיר צו בראשית האָט גאָט צוויי לונגען געגעבן :
האָב איך צוויי לונגען, וואָס זינגען אויס געזאַנגען . . .
האָב איך צוויי לונגען, וואָס גיבן אומעט־קלאַנגען —
הער איך שטענדיק אין דער לופטן גייסטער שוועבן . . .

הער איך שטענדיק כאָרן זינגען, נאָר אָן ווערטער.
כ'הער ניט ריטם־טאַקטן, כ'זע ניט קיין דיריזשאָר ;
עס איז אַזוי־זיך אַ משונהדיקער כאָר
און צום לעצטן קומט אָן אויסלאָז אַ באַשערטער . . .

אָט אַזוי זיך גייען אָן די שפּילערייען,
און עס גייען און עס קומען פרישע רייען —
ווי דער טיק־טאַק פונעם זייגער איז דאָס לעבן :

איינעם קומט עס אומדערוואַרטעט ביי זיין טאַנצן
און דעם צווייטן — ווען זיין לעבן האַלט ביים גאַנצן ;
ער גיט דאַן אָפּ צוריק וואָס גאָט האָט אים געגעבן . . .

.6

גאָט, אַ גאָט מיין, זאָג מיר איצטער — וואָס איז לעבן,
וואָס קיינער טאָר ניט אַנדערש מאַכן,
וואָס קיינער טאָר עס ניט אויסלאַכן, —
וואָס איז לעבן, וואָס דו האָסט עס מיר געגעבן ?

וואָס איז לעבן מיט די טויזנטער פאַרבאָטן
און קלאַגנדיקע איכה־קלאַנגען,
מיט אויסגעשטרעקטע קלאַמער־צוואַנגען ? —
כ'וויל ניט, גאָט מיין, דיך אָפּנאַרן און באַשפּאָטן.

ענטפער, גאָט מיין, איצטער שווייג ניט וואָס איז לעבן ?
אַז דו האָסט עס מיר שוין אויך אַמאָל געגעבן,
ווייז מיר, טאַטע, אַלע שיינע וועגן ! . . .

איך שווער, כ'וועל דיך, פאָטער, קיינמאָל ניט פאַרשעמען,
כ'וועל דיר געבן, אויב איך וועל נאָר פון דיר נעמען
און אָפּשליסן ס'לויפן און געיעגן . . .

.7

לעבן, דו וואַלקאַניש־לאַווערדיק לעבן!
ווער, אָ, ווער, האָט דיך אויסגעטראַכט
און אין העלן טאָג אויסגעלאַכט? —
ווער, זאָג, ווער האָט דיר אַ קללה געגעבן?

לעבן, מיין אויסגעבאַרגטער פרומער לעבן:
כ'האָב אַ סך פון דיר באַקומען
דערנער, אָבער ניט קיין בלומען;
ניט גענומען און גאָרניט דיר געגעבן . . .

כ'האָב זיך פאַרשולדיקט און דערביי געשוויגן
און אין שטייגערן צו אַ נעסט געשטיגן . . .
כאָטש עס האָט מיין ווען פּראָטעסטירט.

כ'האָב אין שפּילן פאַרשפּילט זיך מיט פּויק און טאַצן,
כ'האָב שטילערהייט געוויטיקט ביז צום פּלאַצן —
האָסט מיך, לעבן, שפּילעוודיק געפירט . . . .

ווען דמיון געוועלטיקט

ווען דמיון געוועלטיקט און וועקט די באַגערן,
דאַן רייט איך אויף פליגלען פון שניי־ווייסע שוואַנען;
כ'באַגעגן געשטאַלטן און וויים ניט פון וואַנען.
נאָר ס'דאַכט אַז זיי קומען פון הימלעשע ספערן . . .

זע איך דאָרט אייגענע און וויל זיי וואָס פרעגן:
בערעלע! שלמהלע! — כ'קען זיך עס דערמאָנען
און צווישן זיי, אויך דאָס געשטאַלט פון מיין מאַמען —
כ'וואָלט עפּעס געפרעגט איר צו זאָגן דערוועגן . . .

אַ שטייגער: ווי ס'גייט איר און וואָס ס'מאַכט דער טאַטע,
זענען זיי אין פרידן און זענען זיי זאַטע . . .
ווי זעט אויס דער גאָרטן, די בוימער, דער פּלויט . . .

נאָר גיי מאַך זיך נאַריש און האַלט אין איין פרעגן,
אַז ס'איז בלויז דער דמיון; ווי קען איך עס מעגן
וועלן וויסן און פאָרשן, אַז אַלץ איז לאַנג טויט . . .

טאג און נאכט

נאכט ליגט פארזשמורעט, זי שלאפט ניט, זי טראכט . . . ;
וואס קען זיך איר דאכטן, וואס זאל איר געפעלן ?
וואס קען זי נאך גליסטן, וואס זאל זי נאך וועלן ? —
זי האט מיט קאשמארן א שותפות געמאכט . . .

דער טאג איז מיט חוזק און די נאכט איז האר.
זי האלט מער קיין סודות — פאראט און פארקויף ;
דער שטן מיט ריווח מאנט איין איצט א חוב :
ער בלייבט עם דער טאטע פון גוואלד־רים און צער.

די נאכט האלט קיין שרעק ניט, דער טאג מער קיין פרייד.
דער מענטש ? — א פארשעמטער אין טרויער געקליידט,
האט קריעה געריסן נאר איינמאל מיט קלאג . . .

איצט גייט אום דער אבל — שוין אלץ אפגעטאן.
ער בלאזט מער קיין שופר, ער טראגט מער קיין פאן.
אים ארט מער קיין גוסס, קיין מאס און קיין וואג . . .

טרובאדורן און מוראשקעס

ביי זייערע פאלאצן בין איך שטיין געבליבן.
א טרובאדור א מידער, רייכקייטן באזונגען.
אין אלע פרעמדע טעמפלען קדושה אויך געשפרונגען.
אויף פרעמדע גרינע לאנקעס שעפסן אומגעטריבן . . .

ווי א בעטלער ביים רייכ־הויז בין איך אלץ געשטאנען.
אויף פרעמדע קריגס־פעלדער געלאפן אין געיעגן.
געבויעט שלעסער און געפלאסטערט פרעמדע וועגן
און פארגעסן, אז ערגעץ־וואו איז מיין היים פאראנען . . .

אין מיין וואנדערן האב איך מייל־שטיינער באגעגנט
און מיט יעדן פון זיי זיך ברידערלעך געזעגנט ;
דאך קיין איינער ניט, האט מיין היימלאנד אנגעוויזן . . .

ס'האבן קופל־טורעמס ווי לאנדצייכנס געגרויסט זיך
און ארום זיי געווים האבן לעבנס צעברויזט זיך —
מוראשקעס אין דעם היימלאנד וואקסן אוים ווי ריזן . . .

כ'ווייס ניט . . .

איך ווייס ניט אויף וויפל שליאַכן איך בין געגאַנגען
און צו וויפל נאָך איך וועל דערגיין,
אויף וויפל שייד־וועגן איך וועל שטיין
אָפגעשלאָסן מיט דערוואָרגענע פאַרלאַנגען . . .

איך ווייס ניט וויפל טרערן איך האָב געטרונקען,
ווען דיין ענטפער איז געוועזן — „ניין" . . .
אַ שמייכל האָט מאַסקירט מיין געוויין,
בלויז אַ שטערן האָט מיט ליבע צוגעוואונקען . . .

כ'ווייס ניט וואו און ווען איך וועל דיר נאָך געפינען : —
ניט פון דיר, חלילה, חובות איינצומאָנען,
נאָר אומצוקערן דיר וואָס ס'איז דיין : —

האָסט מיר אין דיין האַרץ אַ קעמערל פאַרדונגען,
ס'אויסגעבאָרגטע ב'איך פאַראייגנט און באַזונגען, —
כ'וויל עס דיר אָפגעבן, ס'איז ניט מיין ! . . .

מענטש און וועלט

אַ וועלט האָט זיך אונטער פאַרהאַנגען פאַרבאָרגן ;
היינט ווי נעכטן און אויך מאָרגן,
ווערט מענטש אין ברידער־קברים זיך באַגראָבן ;
אַ גאַנצע עדה יידן הערט מען איצטער קדיש זאָגן,
קריעה רייסן אַלע אינאיינעם,
ס'מיידט ניט קיינעם. קיינעם.
אויב ניט ברידער־ליבע ביים לעבן,
ווערן טויטע ברידער־קברים אָפגעגעבן . . .

הימל, ערד און רוים איז אַ קריגספעלד געוואָרן,
מיט דעם וואָס נעכטן האָט געצירט זיך האָט געשטאַלט פאַרלאָרן...

ס'האָט מענטש מיט גוואַלט זיין האַרץ אַרויסגעריסן,
אויך פאַרשטאַנד און געוויסן
טיף באַגראָבן:
וואָס'אַרט עס אים דאָס קלעמעניש און נאָגן
פון אַ פריינט,
אַז דער נעכטן איז פאַרגעסן און פאַרוואונדעט ליגט דער היינט...
וואַרטנדיק אויפן מאָרגן
און פאַר מאָרגן וועט די שווערד שוין זאָרגן! . . .

כ'האָב געקענט אַ מענטש *)

כ'האָב געקענט אַ מענטש —
מאַיעסטעטיש־שטאָלץ און מילגראָם־קערנדיק
און נישט ווערנדיק
ווי די זון נאָך איר פאַרגיין,
האָט הימל, ערד און שטיין
מיט געוויין
אויסגעזונגען אַ געזעגנונגס־ליד,
אַ ווידמונג אַזאַ — דעם מענטש און ייד,
וואָס האָט געקעניגט אָן אַ קרוין,
אָן לוין,
אָן פויק און אָן טרומפייט
און שטילערהייט,
סתם אַזוי זיך געשלייכט ביי די ווענט, —
דאָך דערקענט
פון קינד און קייט;
צו וועלכן נאָך פויק, טרומפייט,
קרוין
און לוין, —
אַז פען
איז קרוין און סצעפטער געווען
און לוין, — דאָס גליק פון זיין נעסט;
ס'איז געווע[ן] ביי אים אויף קעסט
די ווייסע פרידנס־טויב

*) מיין ליד דעם גרויסן מענטש און ייד, לערער און פריינט — מאָרים מייער. ערע זיין אָנדענקען.

און איר ווייסקייט געהיט פֿון יעדן שטויב
און פֿאַרדראָס: —
געווען איז זי די קעניגין אין זיין שלאָס...

כ׳האָב געקענט אַ מענטש —
מאַיעסטעטיש־שטאָלץ און מילגראַם־קערנדיק
און ניט־ווערנדיק,
ווי די זון נאָך איר פֿאַרגיין,
האָט הימל, ערד און שטיין
מיט געוויין
אויסגעזונגען אַ געזעגנונגס־ליד: —
דעם גרויסן מענטש און ייד.

איך ווייס ניט...

איך ווייס ניט וואָס מיין הארץ האָט אָנגעוואוירן,
כ׳קען ניט בינדן פֿעדעם אין אַ קנויל...
דער אָטעם וואָס האָט געוואַרעמט מיין נעכטן,
האָט פֿון לאַנג שוין אָפּגעקילט דער היינט......

איך ווייס ניט וואו מיין נעכטן רוט אין אבלות —
כ׳בין אים מוחל זיין שטילן אָפּגיין;
כ׳וועל שכורן מיט זכרונות שיינע
און אין זכרון איינקריצן יעדן שפּור...

איך ווייס ניט וואָס מיין גורל טראָגט באַהאַלטן;
כ׳בין קיין פּחדן, שטענדיק בין איך גרייט...
קיין חרטה־ליד וועל איך אויך ניט זינגען, —
כ׳וועל בלויז דאַנקען דעם האַר דעם גרויסן
פֿאַר דער ווייניקייט פֿון זיין גענאַד...

איך וועל מיין ווידערשפּעניגען אויך ניט לייקענען,
ניט באַפֿליגלען זיך מיט פֿליגלען ווייסע
און קיין „קדושה" אויך ניט שפּרינגען מיין „דערלייזער";
כ׳וועל אויך קיין זונה ניט דערציילן מיין געשיכטע
און קיין פֿריינט ניט אָפּנאַרן מיט אַ פֿרומען וואונק...
כ׳וועל בלויז מיט עקשנות לאַכן ווי עס לאַכט דער קלאָון...

ווייל דעם פרעמדן גייט ניט אָן דיין זיסער טרויער . . .
אוּן דיין פריינט ליבט געלעכטער, כאָטש נעם און פּלאַץ,
אפילו ווען ס'האַרץ דיינס איז סטרונעדיק צעשפּילט:
ווי דאָס אויסגענוצטע קאָרנפעלד,
ווען דער אַקעראייזן האָט אָפּגעטאָן זיין פליכט,
נאָך דעם אָפּגעבענטשטן גאָלד־רייפן שניט . . .

ווער קען זאָגן ? . . .

ווער קען זאָגן, ווער קען וויסן,
וואָס ס'איז לעבן, וואָס ס'איז טרוים:
איינעם קומט עס צו גענוסן
און דער צווייטער זעט עס קוים
אין זיין טרוים,
אין זיין טרוים,
— ווען דעם צווייטן קומט עס צו גענוסן . . .

דורשטן, בענקען און באַגערן,
ווערט דאָך שטענדיק אויסגעלאַכט;
קען דאָס ווער מיר איצט דערקלערן:
איז ניט לעבן אויסגעטראַכט,
אויסגעלאַכט,
אויסגעלאַכט ?
— זאָל דאָס ווער מיר איצט דערקלערן.

ס'האַרץ איז אָנגעפּילט מיט ציטער,
צווישן טויזנטער אַליין:
בלויז מיין שאָטן איז מיין היטער,
כ'קען אָן אים קיין טריט ניט גיין
און ניט שטיין
און ניט שטיין
— ווייל דער שאָטן איז מיין היטער . . .

וואָס פאַרשפּעקטיקט גייט פאַרלוירן,
אַלץ וואָס ס'בלייבט איז דער גערדראַנג;
כ'וואָלט ביים לעבן איצט געשוואוירן
אַנצוהייבן פריש מיין גאַנג
מיט געזאַנג
מיט געזאַנג
— וואָלט איך איצט אַזוי געשוואוירן . . .

ליגט מיין וועג דאָך אַ פאַרדרייטער
כ'וויים דעם אָנהויב ניט פון שליאַך;
כ'בלייב פון שאָטן דער באַגלייטער
גיי איך ווייטער, ווייטער, ווייטער;
לאַך איך ביטער, לאַך און לאַך —
כ'וויים דעם אָנהויב ניט פון שליאַך . . .

גורל מיינער,
גורל מיינער,
וואָס באַהאַלסטו נאָך פון מיר?
וואו איך קער זיך זע איך דיר
גורל מיינער, —
כ'בין דאָך דיינער,
שטענדיק דיינער,
וואָס נאָך וואַרטסטו ביי מיין טיר? . . .

מיין שטעטעלע

דעם ליבן חבר י. ביעטשן —
אַ מתנה.

ווי בענקט זיך נאָך מיין שטעטעלע דאָס איינציקע,
פון האָלץ־געבויטן שטיבעלע דאָס קליינטשיקע,
דאָרטן וואו מיין וויגל איז געשטאַנען.
די קינדער־יאָרן גאָלדענע פאַרפלויגענע,
די פריילעכקייט פון הארצן אויסגעזויגענע,
ס'ליבן זיך פון אַלטע טאַטע־מאַמען.

ווי בענקט זיך נאָכדעם געסעלע דאָס שמאָלינקע,
די קלײנענקע חברימלעך אמאָלינקע,
„קאָזשעלעך" זיך קערן אין אַ ריידל;
אָפּיאָגן פֿון די דעכעלעך די טייבעלעך
און װאַרפֿנדיק די שטײנדלעך ברעכן שייבעלעך,
ציפּנדיק דאָס צעפּל פֿון אַ מיידל . . .

אין דעם שטעטעלע די יאָרן,
לעבן אויף איצט אין זכרון
בילדער, ווי זיי ציען זיך פֿאַרביי . . .
אַט דערקען איך ס'גרויע שטיבל,
יעדעס בערגעלע און גריבל,
דאַכט זיך אַלעם לעבט אויף פֿונדאָסניי!

ווי בענקט זיך נאָכדעם טייכעלע דאָס ריינינקע,
דאָס בריקעלע דאָס הילצערנע, דאָס קליינינקע,
דאָס לאָזן זיך אין טיפֿקייט אין דערינען;
דאָס וואַכן איבער טויבן ניי־געבוירענע,
דאָס זוכן יונגע טייבעלעך פֿאַרלוירענע,
דאָס פֿרייליכקייט און הוליען ביים געפֿינען.

ווי בענקט זיך נאָכדעם װעלדעלע דאָס גרינענקע,
נאָך מאַטעלען און שוועסטערל, — זיין מינינקע,
אויסגעפּוצטע שבת נאָכן עסן . . .
סקאַפּאָטקעלע און שטיוועלעך די שוואַרצינקע;
די לידעלעך די פּשוט'ע, די האַרצינקע
און אין „דאַוועגען" דאָס שטענדיקע פֿאַרגעסן . . .

ס'מעגן יאָרן ווייט אַפּלויפֿן,
קיינער קען זיי איצט אָפּקויפֿן, —
די זכרונות שיינע פֿון אַמאָל:
אַט דאָס שמש'ל ביים טויער
פֿונעם שולעכל מיט טרויער,
רופֿנדיק די יידן פֿונעם טאָל . . .

מיין ליד *

אויף וועב־שטול שטאָלענע,
וועב איך מיין מאָרגן אוים:
זייד נאָך זייד
זייד נאָך זייד
שפינט זיך א בלימל אוים,
שפינט זיך אין פולער גרוים —
מיין ליד,
אויף וועבשטול שטאָלענע . . .

אויף שפיזלען גלאַנציקע,
שפין איך אַ לייוונט אוים:
אויג נאָך אויג,
אויג נאָך אויג,
שפינט זיך א טעפעך אוים,
דעקט'ער און ס'שפרייט זיך אוים —
מיין וועג,
דורך שפיזלען גלאַנציקע . . .

אויף „קאָוואדלע" אייזערנע,
שמיד איך מיין גורל אוים,
פונק נאָך פונק,
פונק נאָך פונק,
היצט זיך דער חושך אויף,
שמידט זיך א רינגל אוים —
מיין זיין,
אויף „קאָוואדלע" אייזערנע . . .

* פון מיין בוך „רויטע רויזן", 1924.

געסט אין די הימלען!...

(אַלעגאָריע פאַר יונג און אַלט)

ס׳איז אַ יאָנטעוו אין די הימלען! —
סאַראַ טימלען,
סאַראַ טימלען
און מלאכים האַלטן וואַכן:
נאָר זיי סודן זיך און לאַכן, לאַכן
איבער אַלע זיבן זאַכן . . .

זילבער־גרויע וואָלקנדלעך איילן אין געיעגן.
פינקלענדיקע שטערנדלעך צירן מילעך־וועגן.
וואַכנדע מלאכימלעך טוען קרישמע זאָגן
און זיי זאָגן
און זיי זאָגן:
פאַר די קליינע קינדער וועגן, אַנטשלאָפענע אין שרעקן:
ס׳זאָל זיי שלעכטס ניט חלומען און פון שלאָף אויפוועקן . . .

ס׳איז אַ יאָנטעוו אין די הימלען! —
היינט דער טימלען:
ווער פאַרהאַוועט און פאַרשמייעט,
ווער אין ווינקעלעך פאַרטייעט
און זיי לויפן און זיי קומען:
מיט מתנות, פרישע בלומען
און מיט לירעס און מיט טאַצן
און מיט פויקן, וועלכע זאַצן!
ניט צו שאַצן,
ניט צו שאַצן.

עפעס איז דאָך פאָרט געשען —
ס׳איז צו זען:
אַלע טויערן געפּראַלטע,
כמורנע פנימער געשטראַלטע
און מען פריידט זיך
און מען גרייט זיך
געסט אויפנעמען פון דערנידער . . .
ווידער, ווידער
אַ גערידער:

טאַטעס, מאַמעס, קינדער קליינע,
נאָר זיי זענען ניט קיין ריינע . . .
ניט באַוואַשטע, ניט באַצוואָגטע,
און פון קיינעם ניט באַקלאָגטע;
כאָטש אין שווייגעניש אַ שטומען,
ווען זיי זענען אומגעקומען:
ווער צווישן דראָטן־צאַמען,
ווער אין וויגל צווישן פלאַמען
און מיט אויגן אויסגעשטאָכענע;
ווער מיט ביינדעלעך צעבראָכענע.
און זיי קומען
און זיי קומען
מיט דעמזעלבן טויטן שטומען,
שטאַרנדיק אויף אַלץ און יעדן
אָן אַ וואָרט אַרויסצורײדן . . .

יאָ, ס'איז יאָנטעוו אין די הימלען!
ס'וואַקסט דער יובל, ס'וואַקסט דער טימלען:
געסט פון נידער אָנגעקומען! —
אַלט־געזעסענע טראָגן בלומען
און גירלאַנדן און אויך קראַנצן
און עס טאַנצן, טאַנצן
זיי אַנטקעגן
אויף די וועגן:
די אין הימלען אַלט־געזעסענע,
די אין נידער לאַנג־פאַרגעסענע,
דערווייטערטע,
געלייטערטע
פאַר חטאים לאַנג־פאַרגעבענע,
סיי פאַר פרעמדע, סיי פאַר אייגענע . . .

און סע רייטן זיי אַנטקעגן:
רייטוועגענער אויף אַלע וועגן,
ווייס־באַפוצטע פערד פאַרשפּייטע,
עקן, גריוועס, צעפּלאָטענע־פאַרשמייטע
און זיי יאָגן
און זיי יאָגן
זיי די ערשטע — גוט־מאָרגן — זאָגן.

און אנדערע פֿון ווייטן,
אויף די וואָלקנס רייטן, רייטן,
אין געיעגן ;
אַלע מעגן
דאָס איצט וויסן :
ס׳איילן יעדערער באַגריסן
און זיך געבן צו דערקענען

ווער זיי זענען,
אַז זיי זענען :
ר׳ משה־יענקעלעס, דאָס רבי׳לע פֿון שטייטל
און ר׳ איטשעלע, וואָס געשטאַנען איז ביים „ברייטל״.
היינט דאָס חזנדל און רייזעלע זיין ווייבל
און דודל ס׳בן־יחידל און זיין חבר לייבל
און נאָך און נאָך, ווען זיך געבן צו דערקענען

ווער זיי זענען,
אַז זיי זענען :
„איציק־דאָנדע״, מינדל־ביילעס
און דער „פֿייפֿער״, גיטל־קיילעס
און דער ערשטער „כוואַט״ פֿון שטייטל :
בערל־מאָטעלעס פֿון קלייטל ;
היינט סתם חברים, גאַנצע „סטאַדעס״ —
ווי זיי ציען זיך אויף שליאַדעס
צווישן וואָלקנס, בלויע רויכן
אין די הויכן —,
ווי אַ כוואַליע וואָלט זיך גיסן
און מען איילט זיך צו באַגריסן
אַן אַן ענדע, אָן אַן אויסלאָז,
מיט אַ פֿרייד און עקסטאַז אָן אויסגאָס !

באַגעגנען זיך חברימלעך אַלטע און אויך נייע,
גריסן איינס דאָס אַנדערע אין אַ לאַנגע רייע
און זיי פֿרעגן זיך — פֿון וואַנען אין דערנידער
דער גערידער ?
און פֿאַרוואָס גאָר שוואַרצינקע, אַזוי פֿאַרסאַזשעט ? . . .
האָבן זיי אין שוואַרצע קוילן, חלילה, זיך זאַראַזשעט ? . . .
ענטפֿערן חברימלעך מיט איין קול צוזאַמען :
„מיר און אַנדערע און אויך טאַטע־מאַמען,
האָבן פֿייערן געבראָטן דאָרט, אַ פּשוטער גיהנום, —
דאָס וועט יעדער עדות־זאָגן, פֿרעגט ביי דעם און יענעם . . .״

סודן זיך חברימלעך, תושבים אין די הימלען;
איינגעשטילט ווערט לאַך און וויץ און דער גאַנצער טימלען
און זיי טרייסטן „גלאַוונעם" שוואַרצע, געבערענטע אין די וויגן,
אַז דאָ טוט קיינער ניט קיין שלעכטס, ס'זאָגט דאָ קיינער ליגן...
און זיי פריי‌ען זיך, פליען אָפּ צוזאַמען:
העכער, העכער ברידערלעך, מילך־וועגן גאַנצע ים'ען!..

און סע עפענען זיך הימלען, טויער נאָך טויער פּראַלט
און זיי קלעטערן אויף פייער־לייטערס און קיין איינער פאַלט...
און כלי־קודש שטייען גרייטע, אַלע אין א ריי
מקבל־פּנים זיין די געסט, ס'זאָל זיי האָבן געווען כדאַי.

— — — — — — — — — — — —

כביכול זיצט און וואַרט, ס'וואַרטן עדות פילע;
טאַטעס, מאַמעס צווישן זיי, שעפּטשען תפילות שטילע...
און זיי זוכן, נישטערן, ס'וואַנדערן די בליקן:
זוכן צו דערקענען זיי, דורך די קינדער־ניקן....
און זיי שטייען איינס בא איינס, ביי דעם הימל־טויער
און מלאכים כמורען זיך, ווערן גרויער, גרויער.

זיצט א זקן ביי א בוך, רופט ער קינדער קליינע:
איינס נאָך איינס ווי שוואַרצע קוילן, „מורזעס" ניט קיין ריינע...
און זיי קומען שאַ און שטיל, גאַרניט איבערשראָקן:
אָן א העמדעלע, אָן שיך, אפילו ניט קיין זאָקן.

„זאָל מען רופן אשמדאי, דעם שומר פון גיהנום!
זאָל מען רופן שדים, רוחות, אַלע, דעם און יענעם!
ווער האָט עס זיי אַזוי באַפוילן?
ווער האָט פּורעניותן און גרוילן
באַשלאָסן און באַשטעטיקט
און אַזוי געווייטיקט,
קינדער אין די וויגן אויף דער מאַמע־ערד?
איז עס וויניק נאָך דעם קריגערס שווערד,
דעם ברודער־מאָרד צו באַגיין? —
וואו איז אשמדאי? אהער זאָל אשמדאי גיין!
זאָל ער ענטפערן דעם זין
פון זיין אויסגעפירטן פּסק אָן א דין"!...

האָבן וואָלקנס זיך צוברוגזט און צעשווימען.
ס'מאַכט אַ וועג איַעדערער, ס'האַלט דער אשמדאי אין קומען
מיט אַלעמען און יעדן ביי זיין האַנט.
אַט וואַקסט ער אויס מיט פייערבראַנד,
מיט פלאַם אַרום זיך און אַ שטיקנדיקן רויך,
אין זיין גאַנצע גרויס מיט זיין כוח —
טויזנט וועלטן צו פאַרצערן,
אַז אַלץ זאָל אויפהערן
און ניט ווערן . . .

און עס שטייט דער אשמדאי מיט אַ שווייגן
און די עדות שטילע, שטייגן, שטייגן;
פרעגט דער זקן נאָכאַמאָל דעם זין
פון זיין אויסגעפירטן פסק אָן אַ דין . . .

טייטלט אשמדאי צו דער נידער, צו דער ערד,
צו אַ העננגנדיקע שאַרפע שווערד: —
„זיי אַליין האָבן קינדער דאָרט געברענט!"
זייער הסכמה, זייערע הענט,
צווישן אייגענע דלד אמות, צווישן אייגענע פיר ווענט,
ווענט! ווענט! ווענט!

דאָס מיידל ביים מאַשין

אין אַ הייזל זינגט אַ מיידל,
זינגט נאָך טאַקט, נאָך לויף פון ריידל
און זי זינגט זיך אַ פאַרבענקטע,
ליפן בלאַסע אויסגעקרענקטע,
זינגענדיק אַ מאָרגן וועבט זיך,
פערז נאָך פערז אַ לידל רייפט זיך —
וואָס זשע טרוימט זי,
וואָס זשע בענקט זי,
וואָס זשע בלייבט זי,
וואָס זשע קרענקט זי? —
ניט קיין ענטפער גיט דאָס מיידל,
ס'איז אַ שטומע אויך דאָס ריידל.
ס'הערט זיך בלויז דאָס שטילע לידל,
דאַכט זיך טענער פון אַ פידל:
ווייכע סטרונעס, שטיל פאַרוויינטע,
שטילע לידער, טיף פאַרבענקטע.

פלוצים פלאצט אַן ערשטע סטרונע,
צווייטע, דריטע, פערטע סטרונע —
ס'זענען זיפצן שטילע באַנגען,
שטילע טרוימען, שטילע קלאַנגען;
אויפגעצויגען אויף אַ שנירל
זענען טרערן ווי די פערל;
ווער קען גלויבן, ווער קען וויסן
די געדאַנקען וועלכע פליסן
ביי דעם לויפן פון דעם ריידל,
ביי דעם שטעפן ס'זיידן קליידל, —
ס'זענען טרוימען אויסגעבענקטע,
נעכט און מאָרגנס אויסגעקרענקטע;
ווער קען גלויבן, ווער קען פילן,
איר פאַרבענקטן זיפץ דעם שטילן, —
ס'זענען יאָרן איר צורונען
שענסטע טרוימען וואו פאַרשוואונען . . .

זיצט זי . . .
אויגן רויטע שטאַרק פאַרלאָפן,
מיט אַ בענקעניש און האָפן
און עס הערן זיך שטילע ווערטער:
מיין באַשערטער,
מיין באַשערטער . . .
כ'בין אַ בלומעל צווישן בלומען
ווארט איך, ווארט איך אויף דיין קומען,
זאָלסט מיך רייסן, רייסן, רייסן . . .
כ'וועל אויך ליפן שטאַרק פאַרבייסן.
זאָלסט נאָר קומען
רייסן בלומען, —
כ'וועל מיין בלומען־דופט באַהאַלטן
אין די קנייטשן, אין די שפּאַלטן
אָנגעגרייט פאַר דיר צום זויגן, —
ביזן דעקל אויסצוזויגן . . .

שטילער, שטילער, ווערט דאָס מיידל;
אָפגעשטעלט זיך האָט דאָס ריידל;
ווידער איינזאַם, ווידער איינע;
אָפגעהאַקטע ווערטער קליינע:

נאָך אַ גרויער האָר געבוירן,
כ'האָב שוין פֿילע אויסגעשוירן, —
וועלק איך, וועלק איך צווישן בלומען: —
ווען ער איינמאָל כאָטש ווען קומען? . . .

שטילער, שטילער, ווערט דאָס מיידל,
אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין ריידל,
דרימלענדיק איר טרוים דערוועבט זי,
איר באַשערטן ערגעץ זעט זי,
און זי רופֿט אים ער זאָל קומען
ניט פֿאַרשפּעטיקן די בלומען . . .

טעקסט און מוזיק – ס. פּאַלמע.

קינדער פון מאָרגן.



קינדער פון מארגן *)

— העי!
וואו דאָרט הער איך אַ געשריי?
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?!
איר פאַרשייטע,
איר פאַרשמייטע,
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?!
כאָר — מיר זענען פון דעם מאָרגן,
זענען מיר.
צו אַ מאָרגן אָן אַ זאָרגן,
גייען מיר.
איבער וועגן, איבער שטעגן,
שוועבן מיר.
איבער ווייטע גרינע פעלדער,
איבער ים'ען איבער וועלדער,
שאַלן מיר:
קינדער פון דעם מאָרגן זענען מיר!

— העי,
וואו דאָרט הער איך אַ געשריי?
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?
היצן־היצן,
פייער־שפריצן
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?!
כאָר — מיר קומען פון דעם שמידערע,
קומען מיר.
מיר פליען פון קאָוואדלע,
פליען מיר.
היצן־היצן, פייער־שפריצן,
זענען מיר:
און מיר שמידן אויס דעם מאָרגן,
אָן אַ באָרגן, אָן אַ זאָרגן
שמידן מיר —
קינדער פון דעם מאָרגן זענען מיר!

— העי!
וואו דאָרט הער איך אַ געשריי?
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?!
זינגער זינגער,
גלאָקן־קלינגער
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?!
כאָר — מיר רופֿן אין די גאַסן,
רופֿן מיר.
אין די גאַסן שטיפֿן, שפּאַסן,
וועקן מיר.
זינגער זינגער, גלאָקן־קלינגער,
זענען מיר:
אין די גערטנער צווישן ביימן,
בראָדזשען מיר און זוכן קוויטן,
זוכן מיר.
קינדער פֿון דעם מאָרגן זענען מיר! *)

*) דאָס ליד „קינדעח פֿון מאָרגן” איז דאָס מאָטיוו־ליד פֿון אַ קינדער־פֿאַנטאַזיע אונטער דעם זעלבן נאָמען, וועלכע איז פֿונעם אַוטאָר געשאַפֿן געוואָרן צוזאַמען מיט דער מוזיק אין דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד אין 1921.
„קינדער פֿון מאָרגן” איז שפּעטער אויפֿגענומען געוואָרן פֿון פֿאַרשידענע באַרימטע כאָרן ווי פּוילן, אַמעריקע, רוסלאַנד און פּאַריז.
אויך די פֿאָלקס־שולן אין ווילנע און אַנדערש וואו האָבן דאָס ליד אויפֿגענומען אַלס זייערן אַ הימן און גאָר צום לעצט האָבן די „קינדער פֿון מאָרגן” געפֿונען אַ תיקון אין דעם טעקסט־בוך פֿאַר די יידישע פֿאָלקס־שולן אין פּוילן און אַנדערע שולן.

ס'געזאנג פון די שרייטעלעך *

אויסגעשפרייטע,
פליגלען ברייטע
אין דער בלויער נאכט.
ניט געשלאפען,
נאר געלאפען,
שטענדיק נאר געוואכט,
שטענדיק נאר געוואכט,
אין דער בלויער נאכט!

אלע וועגן,
אלע שטעגן,
איינגעהילט אין בלוי.
לאמיר לאכן,
חא־חא, לאכן,
צו דעם הימל־בלוי:
ח־ח־חא! חחחא!—
צו דעם הימל־בלוי.

ס'געזאנג פון די קינדער פון מארגן

— מיר גייען מיט פויקן און טאצן,
מיר זינגען דאס הערלעכע ליד:
ס'באגלייט אונדז די לידער, דער האמער,
דער קלאנג פון דער קוזשניע, דעם שמיד
— דער שמיד פון דעם ליד,
דער שמיד פון דעם מעכטיקן ליד!

— מיר קומען פון טיף־ווייטע וועגן,
פאר אפפער מיר זענען ניט קארג:
מארשירן מיר אלע מיט גלויבן,
צו שטורמען דעם גאלדענעם בארג!
— צום גאלדענעם בארג,
צום גאלדענעם בארג,
צו שטורמען דעם גאלדענעם בארג!

* אויסצוגן פון מיין קינדער־פאנטאזיע „קינדער פון מארגן“.

— טרייבן מיר ליגן מיט אמת,
מיט ריינקייט דערהויבן צום גליק:
מיר שניידן די וועגן, מיר שניידן,
מיר ווייסן קיין וועג אויף צריק!

— מיר ווייסן דאָס ניט,
מיר ווייסן דאָס ניט,
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק!

— סע שמאַכט וואו די זון אַ פאַרבענקטע,
מיר שמאַכן ווי זי אַזוי לאַנג:
מיר שווערן מיר וועלן דערגרייכן
דעם באַרג מיטן שטורעם־געזאַנג

— מיר שווערן אַזוי!
מיר שווערן אַזוי!
מיר שווערן מיט שטורעם־געזאַנג!

— מיר רופן, מיר רופן דעם לעבן
פון עלנט און פּיינען אַרויס:
סע וויגט זיך, דאָרט וויגט זיך דער מאָרגן,
פון אָפּגרונט אַט וואַקסט ער אַרויס

— סע וויגט זיך דער טאָג,
סע וויגט זיך דער טאָג,
פון אָפּגרונט אַט וואַקסט ער אַרויס!

מיר קומען פון ווייט,
פון וועגן גאַנץ ברייט,

אַלע מיר קומען מיט מוט!
מיר זוכן די זון,
העט, ווייט אויבן־אָן,
אַלע מיר זענען מיט גלוט.

— אַלע אין איינעם,
געשראָקן פאַר קיינעם,
סע רופט אונדז דער גליקלעכער טאָג!
ס'בויען זיך מויערן,
מעכטיקע טויערן,
סע רופט אונדז דער גליקלעכער טאָג.

— אַלע וואַכן, וואַכן, וואַכן,
אַלע לאַכן, לאַכן, לאַכן,
ס׳קלינגט געלעכטער אַפּ אין ווייט!
אַלע זינגען, זינגען, זינגען
און די צימבלען קלינגען, קלינגען,
ס׳ווערט געבוירן נייע צייט!

— מיר וועלן צריק קומען,
מיט דופּטענדע בלומען,
צוזאַמען מיט ליכטיקע שטראַלן!
מיר וועלן מיט לידער,
אַלץ ווידער און ווידער
זיך הייבן און וועלן ניט פֿאַלן!

— מיר וועלן צריק קומען,
מיט דופּטענדע בלומען,
מיר זענען די טרעגער פֿון גליק!
מיר זענען די שמידער,
מיר זינגען אויך לידער,
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק!

— לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן,
לאָמיר פֿלעכטן בלומען־קראַנצן,
און מאַרשירן אַלץ פֿאָרויס!
און מיט פֿרישן מוט דערהויבן,
נייעם מאָרגן, נייעם גלויבן,
ס׳איז דער ווילן שטאַרק און גרויס!

ס׳געזאַנג פֿון די שמידער

— זינגען שמידער פֿון דעם מאָרגן,
פֿריילעך און געפֿלייסט:
יעדער פּאַכע מיט דעם מעכער,
שמידט אויס נייעם נייסט!

— און פֿון דאַנען און פֿון דאָרטן,
פֿון די טיפֿע גרויע אָרטן,
שטראָמען קינדער, שטראָמען פֿיל!
ווי די שוואַנען,
נאָר זיי שפּאַנען,
אָנצוהויבן קינדער־שפּיל!

— פֿאַלט נאָר האַמער אויף קאָוואַדלע,
שמידט ער שטאַנג נאָך שטאַנג.
מוסקלעוואַטע הענט געזונטע,
קלאַפּן אויס געזאַנג.

— פּויקן, טאַצן,
זאַצן, זאַצן,
מיט אַ פֿריילעכן געזאַנג
טראַלאַ זינגען,
הוידען, שפּרינגען,
ס׳איז דער מאָרגנדיקער קלאַנג!

— האַמער, האַמער,
הויב זיך האַמער,
צי די שטאַנגען אויס.
יונגע שמידער,
ווידער, ווידער,
וואַקסן שטאַרק און גרויס.

אינהאלט

	זייט
מיין פאָלק — מיין פּאַרטיי	6
רינגען און קייטן	7
יזכור	9
כ׳בין אַ זון פֿון מיין פֿאָלק	12
ר׳ סנדר	13
די גאַנץ־געבליבענע	16
גולם׳ס	19
סע מאָנען די גייסטער	22
כ׳בין דאָרטן ניט געווען	25
דער קיום פֿון מיין פֿאָלק	28
געווען איז אַ טאָג	31
דער מאַרש פֿון די קדושים	34
דער יידישער פּאַרטעזאַן	38
פֿרייהייטס־מאַרש	41
די שעה פֿון נצחון	44
תחית המתים	47
דער מענטש — דער ייד	49
ווידמונג	52
קינדער פֿון אוראַנוס	55
מיין גורל	60
שפּיטאָל סאָנעטן	62
ווען דמיון געוועלטיקט	65
טאָג און נאַכט	66
טרובאַדורן און מוראַשקעס	66
כ׳ווייס ניט	67
מענטש און וועלט	67
כ׳האָב געקענט אַ מענטש	68
איך ווייס ניט	69
ווער קען זאָגן	70
מיין שטעטעלע	71
מיין ליד	73
געסט אין די הימלען	74
דאָס מיידל ביים מאַשין	78
קינדער פֿון מאָרגן	82
ס׳געזאַנג פֿון די שרייטעלעך	84
ס׳געזאַנג פֿון די קינדער פֿון מאָרגן	84
ס׳געזאַנג פֿון די שמידער	86